YIDDISH BOOK CENTER NEWSPAPERS COLLECTION
NUMBER KC5780-185mfv04i18

GERECHTIGKEIT (YIDDISH JUSTICE)

Volume 4 Issue 18
May 1922

THE KHEEL CENTER FOR LABOR-MANAGEMENT
DOCUMENTATION AND ARCHIVES
CORNELL UNIVERSITY LIBRARY

YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

This collection was made possible with the support of
Abby Joseph Cohen and David M. Cohen.

Gerechtigkeit (Vol. 4, Iss. 18)

Keywords

International Ladies' Garment Workers' Union, ILGWU, Gerechtigkeit, labor unions, clothing workers, textile workers, garment workers, garment industry, New York, United States, Yiddish, Jewish

Comments

Justice was the official publication of the International Ladies' Garment Workers' Union ILGWU from 1919 to 1995. Editions of *Justice* were published in English, Italian, Spanish, and Yiddish. When compared side by side, the content of some of these different editions of *Justice* shows significant differences. *Gerechtigkeit* was the Yiddish-language edition of *Justice*.

This article is available at DigitalCommons@ILR: https://digitalcommons.ilr.cornell.edu/gerechtigkeit/292

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, ו.)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט פארלירען.

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װאָרקערס יוניאן

Vol. IV. No. 18. New York, Friday May 5, 1922. פרייטאג, דעם 5טען מאי, 1922 PRICE 3 CENTS

אונזער 16טע קאנווענשאן האט זיך געעפענט מיט גרויס באגייסטערונג מאנטאג אין דער פריה

פרעזידענט סעמיועל גאמפערס פון די אמעריקאן פעדערײשאן אוו לייבאר און פרעזידענט ווארען ס. סטאן, פון די בראדערהוד אוו אינזשענירס, זיינען פון די ערשטע צו באגריסען די קאנווענשאן. — פרעזידענט שלעזינגער באקומט א גרויסע אוואציע. — אלע דעלעגאטען צייגען ארויס גרויס אכטונג פאר זיין אומערמידליכער ארבייט פאר אונזער יוניאן. — גאמפערס פאדערט איהם אויף ווייטער צו בלייבען אין אמט. — קאנווענשאן שיקט באגריסונגס טעלעגראמען צו די קעמפענדע מיינערס און צו די אנדערע ארבייטער קאנווענשאנס. — הילקוויט און וולארעק באקומען אוואציעס.

מיט גרויס פייערליכקייט האט מאנטאג, 10 אזייגער אין דער פריה, דעם ערשטען מאי, זיך געעפענט די 16טע 2-יעהרליכע קאנווענשאן פון אונזער אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט װאָרקערס יוניאן. די קאנווענשאן ווערט אפגעהאלטען אין קליוולאנד, אהייא, אין דער בילדינג פון דער „בראדערהוד אוו לאקאמאטיוו אינדזשינירס".

די ערעפענונג פון דער קאנווענשאן איז געווען פול מיט באגייסטערונג. א מערקווירדיגער ענטוזיאזם האט אלעמען ארומגעכאפט גלייך די ערשטע מינוט וואס די קאנווענשאן האט זיך געעפענט, און הערליכע סצענעס האבען זיך אלע וויילע ווידערהאלט.

די קלאוקמאכער יוניאן פון קליוולאנד האט געטאן אלץ וואס זי האט געקאנט צו מאכען די קאנווענשאן אזוי פייערליך ווי נאר מעגליך. צוליב דעם האט די יוניאן באשלאסען, אז יענעם טאג זאל קיין קלאוקמאכער ניט ארבייטען און דיזער באשלוס איז ריכטיג דורכגעפיהרט געווארען.

אום צעהן אזהר פריה האבען שוין טויזענדער באגייסטערטע מיטגלידער אנגעפילט דעם קאנווענשאן אידיטאריום. עס איז ביי זיי געווען א דאפעלטער יום טוב. זיי האבען געפייערט דעם ערשטען מאי, און זיינען געקומען באגריסען די קאנווענשאן פון זייער אינטערנעשאנאל. הונדערטע ארבייטער מיידלאך זיינען געווען יום-טוב'דיג אנגעטאן, מיט ווייסע וויסטען באצירט מיט רויטע בלומען, און רויטע בענדושעס. זיי האבען געבראכט בוקעטען און בעסקעטס בלומען. און ווען דער גרויסער סימפאני ארקעסטער האט אנגעפאנגען צו שפילען דעם „אינטערנאציאנאל", האבען די יונגע מיידלאך באשאטען דעם האל מיט בלומען, און דער גאנצער זאל מיט דעם סטיידזש, וואו עס זיינען געזעסען פרעזידענט שלעזינגער, סעקרעטער באראף און אייניגע געסט, האט אויסגעקוקט ווי א בלומען גארטען.

א גרויסארטיג בילד איז דאס געווען. די אויגען פון טויזענדער ארבייטער האבען געפינקעלט מיט באגייסטערונג און זייערע הערצער זיינען אנגעפילט געווארען מיט פרייד. פרעזידענט שלעזינגער האט אויף דער ערשטער זיצונג געקראגען איין אוואציע נאך דער אנדערער. מען האט איהם ענטוזיאסטיש אפלאדירט גלייך ווי די געסט און די דעלעגאטען האבען איהם דערזעהן, אבער די גרעסטע אוואציע האט ער געקראגען ווען סעמועל גאמפערס האט אין זיין באגריסונגס רעדע זיך געווענדעט דירעקט צו איהם, און איהם אויפגעפאדערט ניט צו פארלאזען דעם פאסטען, צו בלייבען ווייטער דער פיהרער פון דער גרויסער ארגאניזאציע.

סעמיועל גאמפערס, דער פרעזידענט פון דער אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר, איז געווען איינער פון די ערשטע צו באגריסען די קאנווענשאן, און ער האט געהאלטען א זעהר אינהאלטסרייכע רעדע.

פרעזידענט גאמפערס האט זיך ספעציעל אפגעשטעלט אויף דעם, וואס ער האט געהערט, אז פרעזידענט שלעזינגער וויל ניט מעהר זיין א קאנדידאט פאר פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, און ער האט אפעלירט צו איהם, ער זאל אומענדערען דעם באשלוס און ווייטער פארבלייבען אויפ'ן פאסטען.

באגריסונגס-רעדען זיינען אויך געהאלטען געווארען פון פארטרעטער פון דער אלגעמיינער ארבייטער באוועגונג און קליוולאנד און פון ווארען ג. סטאון, דער פרעזידענט פון די לאקאמאטיוו אינדזשינירס בראדערהוד, וועלכער האט ערקלעהרט, אז ער פרעהט זיך מיט דעם כבוד צו באגריסען די פרויען קליידער-ארבייטער אין דעם נאמען פון די הונדערטער טויזענדע ארבייטער פון דער ארגאניזאציע וואס ער פארטרעט.

גאר דער ערשטער רעדנער אויף דער קאנווענשאן איז געווען ברודער לעווין, דער טשערמאן פון דעם דזשאינט באארד פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון קליוולאנד. ער האט באגריסט די דעלעגאטען און געזאגט, אז די קליוולענדער פרויען קליידער ארבייטער פיהלען זיך שטאלץ מיט דעם וואס די גאנצע אינטערנעשאנאל געפינט זיך יעצט אין זייער שטאדט נאך דעם ווי זי האט דורכגעמאכט אזויגע שטורמישע צייטען און דורכגעמאכט זיי מיט גרויס ערפאלג.

פרעזידענט שלעזינגער'ס ערעפנונגס-רעדע.

דעם גרעסטען איינדרוק אויף דער ערשטער זיצונג האט געמאכט פרעזידענט שלעזינגער'ס ערעפנונגס רעדע. ער איז איבערגעגאנגען די גאנצע געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל יוניאן און זיין רעדע איז א סך מאל איבערגעריסען געווארען פון שטורמדיגע אפלאדיסמענטען.

שילדערענדיג די ערשטע צייטען פון אונזער אינטערנעשאנאל האט ער דערצעהלט די דעלעגאטען וועגען די שרעקליכע באדינגונגען, וואס האבען געהערשט אין דער אינדוסטריע אין יענער צייט. ער האט זיי אויך דערצעהלט וועגען דעם סוועטינג-סיסטעם, וואס עס האט דאן געבושעוועט אין דער אינדוסטריע מיט איהר גאנצער גרויזאמקייט. פינף און צוואנציג פראצענט פון די שעפער זיינען פאקטיש געווען נעסטען פון א[illegible], מגפות און קראנקהייטען. די אנדערע פינף פראצענט וואלטען זיך אויך גיכער געפאסט אלס שטאלען פאר בהמות איידער אלס פלעצער צו ארבייטען.

(שלוס אויף זייט 10)

די פראטעקטיוו אססאסיאיישאן האט שוין אנגעפאנגען רעדען

מאנטאג, דעם 1טען מאי, איז דער נייער פרעזידענט פון דער קלאוק מאנופעקטשורערס פראטעקטיוו אסאסיאיישאן, מר. דזשארדזש דזשאבלאוו, ענדליך ארויסגעקומען מיט לשון אין באצוג צו דער קלאוק-סיטואציע. און אויב אין דער פרעסע איז ריכטיג איבערגעגעבען געווארען וואס ער האט געזאגט, דאן עס ווערען אנגענומען, דאס אין דער פראטעקטיוו אסס'ן האט גענומען בלאזען א נייער ווינטעל.

מיר זאגען „עס קאן אנגענומען ווערען", ווייל באשטימט זאגען וואס דער נייער פרעזידענט איז ווירקליך אויסען געווען מיט זיין סטייטמענט אין דער פרעסע קען מען ניט. עס איז גיכער געווען, אזוי צו זאגען, א דיפלאמאטישער סטייטמענט, וואס קאן אויסגעטייטשט ווערען ווי איינער וויל. וויל מען, קען מען דארט זעהן שלום; וויל מען, קען מען דארט זעהן מלחמה. עס מוז אבער ווערען צוגעגעבען, דאס דיזער סטייטמענט איז ווייט ניט געשריבען געווארען אין דעם קריגערישען טאן פון מר. לוסטיג, דער פריהערדיגער פרעזידענט פון דער פראטעקטיוו אסס'ן, וועלכער האט געפיהרט [illegible] אסס'ן פון קריג צו קריג און פון איין נידערלאגע צו א צווייטער. און וואס אנדערש האט עס געקאנט מיינען, ווי די רואינע פון דער קלאוק-אינדוסטריע אין ניו יארק?

עס איז א באוואוסטער פאקט, דאס אפטע סטרייקס האבען א שלעכטע ווירקונג אויף אן אינדוסטריע און זיינען שעדליך פאר איהר וואוקס, אין מיט יעדען סטרייק וואס די געוועזענע פיהרער פון דער פראטעקטיוו אסס'ן האבען ארויסגעצוואונגען אויף דער אינדוסטריע, האבען זיי גרויס שאדען געבראכט זיך און די ארבייטער. און אפשר זיך מעהר ווי די ארבייטער. ערשטענס, האבען זיי מיט דעם פארטרייבען פון דאנען א היבשען טייל פון דעם טרייד; צווייטענס, גיט יעדער סטרייק א געלעגענהייט עס זאלען זיך אין די ארומיגע שטעדטלאך אנפאריען קליינע שאפקעס, וועלכע ווערען נאכדעם פאסקודנע קאנקורענטען פון די היגע מאנופעקטשורערס.

אז מען וויל, קאן מען פון מר. דזשאבלאוו'ס סטייטמענט לערנען דעם פשט, אז ער פארשטעהט די לאגע, און דאס ער וועט ניט פיהרען די אסס'ן

(שלוס אויף זייט 5)

אינהאלט-פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 18

זייט 2. די וואך — נ. ש. צו די ווייסט און דרעסמאכער פון פילאדעלפיא — ת. בערענשטיין.
זייט 3. רעפארט פון לאקאל 82 צו אונזער 16טער קאנווענשאן — מ. י. אשפיז.
זייט 4. רעפארט פון די ריינקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20 — סעם פרידמאן.
זייט 5. די טעטיגקייט פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט — א סטאף רעפארטער.
זייט 6. עקזעקוטיוו באארד מיטינג, לאקאל 22 — י. שעהנהאלץ. א תכרית — מ. ציגקין.
זייט 7. טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען. דער קאנצערט (הומארעסקע) — רעאן קוסמאן.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ-בוך.
זייט 9. פראנקרייך — דער נייער וועקער פון דער וועלט — נ. טאביאס. די קאנפערענץ אין גענוע (גאדיבעט) — יאקאבום.
זייט 10. די קאנווענשאן דעמאנסטראציע אויפ'ן גראנד סענטראל סטיישאן — ד. פינקעלשטיין. קירך און שטאט — י. ב. ג.
זייט 11. דער סיסטעם פון עפישענסי און זיין באדייטונג פאר די ארבייטער — ל. בארארדולין. שקלאפען פון דאגמאס (פעליטאן) — ז. וואהילער.
זייט 12. ווי צו זיין געזונט — דר. מ. דובאוואסקי. קורצע שמועסען.
זייט 13, 14 און 15 — אדווערטייזמענטס.
זייט 16. קאנווענשאן נייעס.

אונזער אינטערנעשאנאל וועט שיקען א צווייטען טראנספארט שפייז נאך סאוועט-רוסלאנד

אונזער אינטערנעשאנאל האט שוין גענומען מאכען פארברייטונגען צו שיקען א צווייטען טראנספארט שפייז פאר די הונגעריגע מאסען אין סאוועט רוסלאנד. די סומע וואס ווערט אויסגעגעבען אויף די שפייז-ארטיקלען, וועט באטרעפען אריבער פופצעהן טויזענד דאלאר.

איידער סעקרעטער באראף איז אפגעפאהרען אין קליוולאנד צו דער קאנווענשאן, האט ער באאויפטראגט גענאסע טובים, דעם מענעדזשער פון אונזער פאבליקיישאן דעפארטמענט, ער זאל מאכען אלע אראנזשמענטס ארויסצושיקען דעם צווייטען טראנספארט שפייז ארום דעם 15טען דזשון. גענ. טובים וועט אויסגעפינען אין וועלכע ארטיקלען מען נויטיגט זיך איצט אין רוסלאנד אם שטארקסטען און יענע ארטיקלען וועלען געשיקט ווערען.

אויך דער צווייטער טראנספארט פון אונזער אינטערנעשאנאל ווערט געשיקט דורך דער „סאסייעטי אוו פרענדס", די קוויקער-ארגאניזאציע, וועלכע טוט פאר רוסלאנד זעהר גוטע רעליף ארבייט. דיזע סאסייעטי האט געוואונען דעם צוטרויען פון די רוסישע מאסען פאר איהר אויפריכטיגקייט און אומפארטייאישקייט, מיט וועלכער זי טוט די רעליף-ארבייט אין רוסלאנד.

אונזער זעכצעהנטע קאנווענשאן עפענט זיך מאנטאג, דעם 1טען מאי, אין קליוולאנד

(שלוס פון זייט 1).

אמעריקען פעדערײשאן אוו לייבאר; די גענאסען יודזשין וויקטאר דעבס; אברהם קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס"; א. ליעסין, רעדאקטאר פון „צוקונפט"; מארים היקוויט; קאנגרעסמאן מאיר לאנדאן; ווארען דזש. סטאון, פרעזידענט פון די לאקאמאטיוו אינדזשענירס; דזשאהן ל. לואיס, פרעזידענט פון די יונייטעד מאין ווארקערס; טשארלס איירווין, רעדאקטאר פון „קאל"; פיטער וויסמאן, פון שיקאגא; מאקס פיין, סעקר. פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען; אלעקסאנדער קאהאן, טשערמאן פון דער פיפעלס רעליף, און מאקס העיז, פיהרער פון דער פארמער-לייבאר פארטיי.

אויסער דעם האט די קאנווענשאן קאמיטע פון אונזערע קליוולאנדער לאקאלס ארויסגעשיקט איינלאדונגען צו פראמינענטע בירגער פון זייער שטאדט. צווישען זיי זיינען דא: דער מעיאר פון קליוולאנד, דער גאווערנאר פון אהייא סטייט, און ניוטאן ד. בייקער, דער געוועזענער קריגס מיניסטער, וועלכער האט צוזאמענגעבראכט די אינטערנעשאנאל און די קליוולאנדער קלאוק מאנופעקטשורערס צו סעטלען דעם סטרייק אין מלחמה צייט.

אויסער די באקאנטע סאציאליסטישע ווארטפיהרער, וועלכע ווערען געלאדען די סאציאליסטישע פארטיי, אלס ארגאניזאציע. דער פארשטעהער פון דער פארטיי וועט ביי דער ערעפענונג פון דער קאנווענשאן זיין אטא בראנדשטעטער, דער סעקרעטאר פון דער פארטיי.

די קליוולאנדער קאנווענשאן קאמיטע האט אויך איינגעלאדען פארשטעהער פון דער ארטיגער ארבייטער באוועגונג, אריינרעכענענדיג די קליוולאנדער סענטראל לייבאר יוניאן און די אהייא סטייט פעדערײשאן אף לייבאר.

פון קליוולאנד מעלדעט מען אונז, אז דער דזשאינט באארד פון די קלאוקמאכער יוניאן דארט האט אלץ געטאן, אז די ערעפענונג פון דער קאנווענשאן זאל זיין א גראנדיעזע און ארויסדריקען אין דער זעלבער צייט די באזונדערע פייערליכקייט פון טאג, — דעם ערשטען מאי, דער אינטערנעציאנאלער ארבייטער יום טוב.

וואס אנבעלאנגט די קאנווענשאן גופא קאנען מיר זאגען, דאס מיר האבען די בעסטע האפנונגען אז זי וועט געוויס זיין אזוי גרויס, אזוי שעהן און אזוי הארמאניש, ווי עס איז געווען אונזער קאנווענשאן מיט צוויי יאהר צוריק אין שיקאגא.

אין פארלויף פון די לעצטע צוויי יאהר, אין די צווישען-צייט פון אונזער לעצטער קאנווענשאן און די היינטיגע, האט אונזער יוניאן דורכגעמאכט א סך גרויסע קאמפען, און מיט גאנץ ווייניגע אויסנאמען איז אונזער יוניאן תמיד ארויס זיגרייך. די העכסט פעהיגע און טאקטישע פיהרערשאפט פון די הויפט בעאמטע, ווי פון דעם גאנצען דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל האט זיך קיין מאל פריהער ניט ארויסגעצייגט אזוי בולט ווי אין דער לעצטער צייט. ערשט איצטער, אין דעם גרויסען קריזיס וואס די ארגאניזירטע ארבייטערשאפט פון אמעריקא האט דורכגעמאכט, האט זיך אמבעסטען ארויסגעוויזען, די פעהיגקייט און די איבערגעבענהייט פון אונזערע פיהרער און דער רעזולטאט איז, דאס אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד קומט צו דער קאנווענשאן מיט'ן בעסטען און שעהנסטען רעקארד. מיט א רעקארד פון א מאסע גוטע אויפגעטאנענע ארבייט. מיט א רעקארד וואס האט געמאכט אונזער ארגאניזאציע פאר'ן שטאלץ פון דער אמעריקאנער ארבייטער באוועגונג!

אלזא, מיר ווינשען א גליקליכע רייזע די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, און מיר ווינשען גליק די קאנווענשאן גופא! מיר ווינשען, דאס פון דעם ערשטען מאמענט וואס די קאנווענשאן וועט זיך עפענען ביז דעם לעצטען מאמענט וואס זי וועט זיך שליסען, זאל דארט הערשען אייניגקייט און הארמאניע, און דארטען זאלען נים פארקומען קיינע שטרייטלונגען, וואס זאל די קאנווענשאן ארונטערפיהרען פון דעם ריכטיגען וועג. מיר ווינשען דער קאנווענשאן, דאס פון דער ערשטער זיצונג איהרער ביז דער לעצטער זאל זי זיך האלטען אויף דער געהעריגער הויך, ווי עס פאסט זיך פאר אזא ארגאניזאציע, מיט אזא שעהנעם נאמען און רעפוטאציע וואס זי האט זיך געשאפען, און מיר האפען דאס פון דער היינטיגער קאנווענשאן וועט אונזער ארגאניזאציע ארויסקומען נאך מעהר געשטארקט ווי פריהער, פול מיט מוט, מיט לעבען און ענערגיע פאר די ווייטערע קאמפען וואס שטעהען אונז פאר אין די נאהנטע צוקונפט, צום וואויל און בעסטען פון דער גאנצער גרויסער מיטגלידערשאפט פון אונזער באליבטער ארגאניזאציע.

לאנג זאל לעבען אונזער אינטערנעשאנאל!

לאנג זאל לעבען די אייניגקייט פון די ארבייטער מאסען!

א ווארט צו דער קאנווענשאן פון ארב. רינג

דעם זונטאג, דעם 30טען אפריל, וועט זיך עפענען די 22טע קאנווענשאן פון דעם פראגרעסיווען ארדען, „דער ארבייטער רינג". די היי-יאהריגע קאנווענשאן פון „ארבייטער-רינג" וועט אפגעהאלטען ווערען אין טאראנטא, קענעדע, אין „האטעל קינג עדווארדס".

עס איז ניט נויטיג צו ערקלערען פאר אונזערע מיטגלידער, וואס עס איז דער „ארבייטער רינג". די מעהרסטע פון זיי זיינען געוויס מיטגלידער פון „ארבייטער רינג" און זיי וויסען עס פונקט אזוי גוט ווי מיר. א היבשע צאהל פון אונזערע מיטגלידער זיינען גאנץ אקטיוו אין דער ארדען און מאנכע פון זיי פארנעהמען דארט ערען-אמטען, סיי אין די בראנטשעס, סיי אין די דזשענעראל קאמיטעס.

מיר ווילען דא דערמאהנען בלויז צוויי פערזאנען. ברודער י. מ. אשפיז, דער מענעדזשער פון דער עקזאמינערס יוניאן, לאקאל 82, איז דער טשערמאן פון די סאניטאריום קאמיטע, און ברודער ל. ראזענבלאט, דער סעקרעטאר פון אונזער קלאוק פינישערס יוניאן, לאקאל 9, איז דער טשערמאן פון די אפיס קאמיטע. ביידע דיזע קאמיטעס זיינען פון די וויכטיגסטע קאמיטעס אין דער פארוואלטונג פון ארבייטער רינג.

די הויפט בעאמטע פון ארבייטער רינג זיינען: פריינד גוסקין, פרעזידענט און פריינט באסקין, דזשענעראל סעקרעטאר.

מיר ווינשען גליק דעם ארבייטער רינג צו זיין 22טע קאנווענשאן. מיר ווינשען איהם ער זאל אין דער צוקונפט זיין אזוי ערפאלגרייך ווי ער איז עס געווען ביז איצט, פאר'ן בענעפיט פון זיינע טויזענדע מיטגלידער איבער'ן לאנד.

וויסטמאכער יוניטי הויז עפענט זיך פרייטאג, דעם 16טען דזשון.

(שלוס פון זייט 1).

באקנט, דאס אלע די וואס ווילען ארויספאהרען אין די יוניטי הויז אין פארעסט פארק דארפען זיך רעדזשיסטרירען אין ניו יארק און באצאהלען איין דאלאר פאר'ן רעדזשיסטרירען. די יעניגע וואס וועלען זיך ניט רעדזשיסטרירען אין ניו יארק וועלען אין די יוניטי הויז ניט אויפגענומען ווערען.

4. די קאמיטע האט באשלאסען, דאס דעם קומענדען סיזאן זאל אין די יוניטי הויז אויפגענומען ווערען קינדער פון איבער צוויי יאהר אלט. דאס ווערט געטאן דערפאר, וואס עס זיינען געמאכט געווארען קאמפליינטס פון מיטגלידער, אז צוליב דעם וואס זיי האבען קינדער קאנען זיי ניט באזוכען דעם פלאץ. עס וועט אבער נעמענדזשט ווערען, דאס מעהר ווי צוועלף קינדער פאר איין מאל זאלען זיך דארט ניט געפינען. קינדער אונטער צוויי יאהר אלט וועלען פאזיטיוו ניט אריינגעלאזען ווערען.

5. דער פרייז פאר א קינד וועט זיין צעהן דאלאר א וואך. אלס קינדער וועלען באטראכט אזוינע, וואס זיינען אין די יאהרען פון צוויי ביז צעהן יאהר אלט. פאר קינדער איבער צעהן יאהר וועט מען דארפען צאהלען דעם זעלבען פרייז, ווי פאר דערוואקסענע מענשען. עס ווערט אויך פארשטאנען, דאס ביים אריינעהמען קינדער, וועלען די מיטגלידער פון אונזערע לאקאלס האבען דאס פארצוג. זיי און זייערע קינדער וועלען אימער זיין די ערשטע אויפגענומען צו ווערען.

מעהר איינצעלהייטען אין שייכות מיט די יוניטי הויז וועלען די לעזער געפינען אויף א צווייטען פלאץ אין דער צייטונג, וועגען דעם באריכט פון די יוניטי הויז קאם. דארט ווערט אויך אנגעוויזען, אז עס זיינען שוין געמאכט געווארען אלע נויטיגע פארברייטונגען, דאס די באזוכער פון די יוניטי הויז זאלען דארט פארברייניגען ווי אמבעסטען.

אלזא, שוועסטער און ברידער! רעדזשיסטרירט זיך באלד, פאר ווען איהר ווילט פאהרען אהין.

רעזאלוציעס פון אונזערע לאקאלס פאר פרעזידענט שלעזינגער

(שלוס פון זייט 1).

פון אונזער קאנווענשאן. דער טשערמאן פון מיטינג איז געווען ס. ניננפא, דער סעקרעטאר פון לאקאל 48 און וויס פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנאל. נאך די רעדעס האט דער טשערמאן פארגעלעזען א רעזאלוציע, וואס די עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל האט אנגענומען צו פארלאנגען, אז פרעזידענט שלעזינגער זאל ווייטער בלייבען דער הויפט פיהרער פון דער ארגאניזאציע.

די רעזאלוציע לעזט זיך ווי פאלגט:

„מיר, די מעמבערס פון דער עקזעקוטיוו באארד פון דעם איטאליענישען קלאוק, סוט און סקוירט מאכער לאקאל 48, זיינען ספּעציעל צופרידען, וואס מיר האבען מיט אונז אונזער באליבטען דזשענעראל פרעזידענט בענדזשאמין שלעזינגער, וועלכער איז איינגעלאדען געווארען צו אינסטאלירען די עקזעקוטיוו באארד. מיר ווילען זיך באנוצען מיט דער געלעגענהייט צו ערקלערען, אז צו אונז האבען דערגרייכט באריכטען, אז אונזער פרעזידענט איז מיר געווארען צוליב די טוטעלנישען, וואס אומפאראנטווארטליכע גרופען ברייגנען אריין אין דער אינגעמיינער קלאוק מאכער יוניאן אונטער א מאנטעל פון „ראדיקאליזם" און גראבען אונטער מיט דעם דאס לעבען פון אונזער ארגאניזאציאן.

„נעמענדיג אלזא אין אנבאטראכט דעם פאקט, דאס אין א פאר וואכען ארום וועט אונזער יוניאן אויסקומען צו באגעגנען א קריזיס, וואס קען זיין נאך א שטארקערער ווי אלע קריזיסען ביז איצט; און נעהמענדיג אין אנבאטראכט אז פרעזידענט שלעזינגער'ס צוריקציהען זיך פון זיין אמט אלס פרעזידענט וועט באגריסט ווערען פון די מאנופעקטשורערס און פון די אונפאראנטווארטליכע עלעמענטען, באשליסט די עקזעקוטיוו באארד 48 אויסדריקענדיג מיט דעם דעם סענטימענט פון אלע טויזענדער איטאליענישע קלאוק מאכער, צו פארלאנגען פון ברודער שלעזינגער, אז ער זאל ווייטער בלייבען אין אמט, און די רעלעגאטען פון לאקאל 48 צו דער קאנווענשאן שטעהען אינסטרואירט צו נאמינירען שלעזינגער'ן, ווען די קאנווענשאן וועט אויפנעהמען נאמינייזשאנס פאר דזשענעראל באאמטע."

א צווייטע רעזאלוציע פון זעלבען כאראקטער, האבען מיר באקומען פון די קאטערס יוניאן לאקאל 10. די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען אויפ'ן לעצטען מיטינג פון דער קאטערס יוניאן לאקאל 10, און איז אנגענומען אין זעלביגען גייסט, און מיט דער זעלביגער באגייסטערונג ווי אויף דעם מיטינג פון לאקאל 48.

די רעזאלוציע פון לאקאל 10 לעזט זיך ווי פאלגט:

„אין אנבאטראכט, דאס צווישען די מיטגלידער פון די אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן האט זיך פארשפרייט א קלאנג, אז ברודער בענדזשאמין שלעזינגער, פרעזידענט, וועט מעהר ניט זיין קיין קאנדידאט פאר דעם אמט פאר'ן נעקסטען טערמין און,

אין אנבאטראכט, דאס מיר פיהלען און רעכנען, אז פרעזידענט שלעזינגער דורך זיין פעהיגער פיהרערשאפט, האט באוויזען צו זיין דער לייטענדער גייסט אין אונזער יוניאן, און דורך וועמענס פיהרערשאפט איז גאר א סך פארבעסערט געווארען די לאגע פון די ארבייטער מיט זייערע פאמיליעס, און,

אין אנבאטראכט, דאס דורך דער צייט, וואס ברודער שלעזינגער איז געווען פרעזידענט פון אונזער אינטערנעשאנאל, האט ער געבראכט כבוד און פרעסטיזש פאר אונזער ארגאניזאציע, ווי עס דארום

באשלאסען, דאס מיר, די מיטגלידער פון די אמאלגעמייטער ליידיס גארמענט קאטערס יוניאן, לאקאל 10, א. ל. ג. וו. י., אויף א רעגולערען מיטינג דעם 24טען אפריל, 1922, אין ארלינגטאן האל, ניו יארק, פאדערען אויף ברודער בענדזשאמין שלעזינגער ער זאל ווידער בלייבען דער פיהרער פון אונזער אינטערנעשאנאל, אום די מיטגלידער זאלען זיין געזיכערט, אז זיי וועלען האבען אין דער צוקונפט די זעלביגע פעהיגע פיהרערשאפט, ווי זיי האבען עס גענאסען דורך די לעצטע עטליכע יאהר, און זיי עס ווייטער

באשלאסען, דאס די רעלעגאטען פון לאקאל 10 צו דער קאנווענשאן זאלען באנוצען דעם גאנצען איינפלוס צו צו ווירקען אויף בר. שלעזינגער צו בלייבען ווייטער אין אמט. זיי אויך

באשלאסען, דאס קאפיעס פון דער רעזאלוציע זאל געשיקט ווערען צו ברודער שלעזינגער און צו דער פרעסע.

מאקס סטאלער, פרעזידענט.
דזשאזעף פיש, רזשענ. סעקר.

א דריטע רעזאלוציע פון דעם זעלבען כאראקטער איז אויך אנגענומען געווארען באראכטאגען שבת, אויף דעם מיטינג פון די דרעזיינערס יוניאן, לאקאל 45.

די רעזאלוציע איז געשריבען אין דעם זעלבען גייסט, כמעט אין די זעלביגע ווערטער און אויסדרוקען ווי די צוויי רעזאלוציעס, וואס מיר האבען דא פארעפענטליכט און מיר גלויבען קיים אז עס איז נויטיג איבערצוגעבען די זעלביגע ווערטער און געדאנקען נאך אמאל, איבערהויפט נאך, ווען מיר זיינען זעהר געאיינגט אין פלאץ. לאקאל 45 וועט אונז געוויס ענטשולדיגען.

א באגריסונג

דער יום טוב ניט פון דער פארגאנגענהייט נור פון דער צוקונפט, דאס איז דער 1טער מאי.

די דרעס און וויסטמאכער יוניאן, באשטעהענד פון לאקאלען 10, 22, 25, 60, 66 און 89, צוזאמען מיט די ארגאניזירטע ארבייטער פון איבעראל, פיהלט די דרינגענדע נויטווענדיגקייט, דאס די געזעלשאפט זאל איבערגעבויט ווערען אויף אזוינע יסודות, דאס זיי, צוזאמען מיט אלע אנדערע ארבייטער זאלען געניסען די פולע פרוכט פון זייער ארבייט.

מיט גרוס,

דזשאינט באארד דרעסס און וויסט מאכערס יוניאן

דזשוליי האלפערין, דזשענעראל מענעדזשער.
מ. ק. מאקאוו, דזשענעראל סעקרעטאר.

רעפארט פון׳ דער עקזאמינערס, באגראדערס און בושלערס יוניאן לאק. 82 צו דער 16טער קאנווענשאן פון א. ל. ג. וו. י.

(שלוס).

א דאנק די גוטע ארבייט פון ארגאני־זיישאן דעפארטמענט פון וועלכען בר. פ ע ט ע ר ז איז געווען טשערמאן, איז אונז געלונגען צו ארגאניזירען א טייל פון די זאגענאנטע פארלייטע וואס אר־בייטען ביים פיגור. דער ארגאניזיישאן דעפארטמענט, האט קיין שאפ ניט גע־לאזען צוריקגעהן צו דער ארבייט, ביז דארט איז ניט אנגעשטעלט געווארען א יוניאן עקזאמינער. דער דער וואס טוט די עקזאמינינג ארבייט אין שאפ, איז געווארען א יוניאן מאן.

דער פאקט וואס אונז איז געלונגען אריינצונעהמען אזוי פיעל נייע מעמבערס דורכ'ן סטרייק, איז א אונבאשטרייט־בארער באווייז, אז עס איז נאך דא א גרויסער פעלד פאר אונז צו פראגרעסי־רען. מאנכע פון די נייע מעמבערס הא־בען אנפאנגס טאקע גע'טענה'ט, אז זיי זיינען פארלייטע. אבער ווען מען האט די געפרעגט און אויך וויערע בעלי בתים, וואס פאר אן ארבייט דארפען דיזע מענשען טאן אין שאפ? איז דער ענטפער געווען: וואס טוט א פארמאן? ער ארבייט ביים פיגור. דאס באשטע־טיגט אונזער ארגומענט, אז דער אמת'ער פארמאן פון אמאל, איז מיט דער ענט־וויקלונג פון דער אינדוסטריע אפגע־שטארבען און געבליבען איז בלויז דער נאמען, ווערענד אין אמת'ען זיינען זיי עקזאמינערס. מיר האבען זיך דאריבער ניט אומגעקוקט אויף די דאזיגע טענות פון די כלומר'שטיגע פארלייטע און זיי געצוואונגען צו ווערען יוניאן לייט.

די צאהל צוגעקומענע מעמבערס, האט מעגליך געמאכט פאר אונזער יוניאן צו קאנען ווייטער עקזיסטירען אויף 35 סענט דיוס א וואך. מיר זיינען דערפון צופרידען, ווייל מיר אליין גלויבען ניט, אז עס איז גוט פאר אונזער לאקאל צו זיין דער איינציגער אין דעם דושאינט באארד וואו די דיוס זאל זיין העכער ווי אין די מעהרסטע אנדערע לאקאלס. דעריבער אז עס איז אונז געלונגען אויסצוקומען אהן צו דארפען רעיזען די דיוס, באגריסען מיר דעם פאקט אז אונ־זער מעמבערשיפ איז געווען פארטיג פאר א גרעסערען אפפער און האבען בא־שלאסען יא צו רעיזען די דיוס, אבער אז די לאגע האט זיך אזוי פיעל פארבע־סערט אז דיזער אפפער איז ניט מעהר נויטיג.

די אויבען אויסגערעכנטע פאסירונ־גען פון די לעצטע צוויי יאהר צייגען, אז אונזער יוניאן, האט א דורכגעמאכט אלע קינדער־קראנקהייטען און איז יעצט שטארק און האלט בסדר אין פראגרעסי־רען. מיר זיינען יעצט אנגעשלאסען אין דעם דושאינט באארד אלס פול בארעכ־טיגטער לאקאל, ווערענדיג פארטראטען דורך 5 דעלעגאטען. מיר האבען אויך איינעם פון אונזערע מעמבערס, אונזער געוועזענער סעקרעטער בר. ראזענבלאט, אלס ביזנעס־אייזשענט אין דעם דושאינט באארד סטעף.

אונזערע ווייטערע אויפגאבען וועלען זיין: ערשטענס, צו קריגען פולע אנער־קענונג אין אלע אגרימענטס וואס די יוניאן שליסט מיט די בעלי בתים. צווייטענס, א דיזע אנערקענונג זאל טאקע דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. דער־מיט מיינען מיר, אז די יוניאן זאל דורכ־פיהרען שטרענג, אז יעדער שאפ זאל האבען א יוניאן מאן וואס זאל טאן די עקזאמינינג ארבייט.

די לעצטע פאסירונגען אין דער אינ־דוסטריע צייגט אונז אז עס קומט פאר א צווייטער פראצעס פון ארויספאלונג פון א טייל ארבייטער אין אונזער אינ־דוסטריע. די ערשטע ארויספאלונג איז פארגעקומען ווען מען האט אנגעפאנגען אויסנוצען די לייזינגס ביים מאשין און פיעלע פינישערס האבען דורך דעם פאר־לארען זייער באשעפטיגונג. א גרויסע טייל פון זיי זיינען נאכהער געווארען עק־זאמינערס. יעצט ווערט ביסלעכווייז אריינגעבראכט אין דער אינדוסטריע פארשיידענע נייע מאשינען, ווי ביים־טינג מאשינען, מאשינען צו נעהען בא־טאנס א. אז. וו. די היסטאריע פון דער טרייד יוניאן באוועגונג לעהרענט אונז, אז עס איז קיינמאל פאר קיין יוניאן ניט געווען מעגליך צו סטאפען דעם פראגרעס פון דער מאשינערי. מיר קאנען דארום ערווארטען אז דורך די מאשינען וועלען א טייל בעלי מלאכות בלייבען אהן ארבייט. ווען די יוניאן זאל אבער שטרענג דורכפיהרען, אז אין יעדען פון די 2,200 שעפער זאל ארביי־טען וועניגסטענס איין עקזאמינער אדער בושלער וועלען דאן א גרויסע טייל פון די ארויסגעפאלענע ווידער קאנען קריגען באשעפטיגונג.

די עקזאמינער פראגע איז דערפאר ניט א פראגע פון אן איינצעלנעם לא־קאל, נאר די פראגע פון דער גאנצער יוניאן. די אויפגאבע פון דער יוניאן דארף דאריבער זיין צו זעהן, אז די עקזאמינינג ארבייט זאל יוניאניזירט ווערען אויף דער גאנצער ליין. דארט וואו דער באס טוט עס אליין, זאל ער געצוואונגען ווערען זאפארט אנצושטע־לען א יוניאן מאן צו דער ארבייט.

אונז ארט ניט ווען ביי'ן פיגור וועלען אויך ארבייטען פינישערס. די מרובספר פסקים וועלען מיר שוין שפעטער אליין אויסגלייכען צווישען זיך. מיר זיינען אבער מעהר צופרידען, אז אין שאפ זאל די עקזאמינינג אר־בייט טאן א מעמבער פון אונזער „אינ־טערנעשאנאל" — זאל זיין פון אן אנ־דער לאקאל — איידער דאס זאל געטאן ווערען פון דעם באס אליין.

אין די שעפער וואו עס ארבייטען גערינגערע מענשען, וועלכע ערקלעהרען זיך פארלייטע, דארף די יוניאן פעסט־שטעלען צו זיי זיינען עס באמת. אויב יא, טא זאל די פירמע אנשטעלען אן עקסטרא עקזאמינער, ווייל אפילו לויט דעם יעצטיגען אגרימענט טאר א פאר־מאן די עקזאמינינג ארבייט ניט טאן. אויב אבער זיי רופען זיך בלויז פאר־לייטע — ווי דאס איז דער פאל מיט 90 פראצענט פון זיי — דאן זאל מען זיי ערקלערען, אז די יוניאן אנערקענט ניט פאר קיין פארמאן איינעם וואס ארבייט ביי'ן פיגור. זיי זיינען עקזא־מינערס און מוזען דאריבער זיך אנ־שליסען אן דער יוניאן.

דאס וויכטיגסטע אבער וואס עס דארף געוואגט ווערען אין יעדען פאל, איז, אז דער ביזנעס־אייזשענט זאל אכטונג געבען, אז די עקזאמינערס זאל־לען אויסשליס ארבייטען אונטער יוניאן קאנדישאנס און יוניאן שטונדען און אזוי שנעל ווי איינער ווערט א יוניאן מאן זאל דער ביזנעס אייזשענט גלייך איינשטעלען זיינע באדינגונגען אין איינקלאנג מיט דעם יוניאן אגרימענט.

דער פאקט וואס מיר זיינען די לעצ־טע זיך צו ארגאניזירען און ווייל דער עקזאמינער האט אזוי פיל יאהרען גע־ארבייט לאנגע שטונדען אין דער צייט וואס די אנדערע פאכען זיינען שוין גע־ווען יוניאניזירט, מאכט פאר אונזערע מעמבערס זעהר שווער, אליין אויסצו־קעמפען די פראגע פון שטונדען. ווען אונזערער א מעמבער קומט אן ארבייטען און זאגט, אז ער וויל ארבייטען שטונדען, פאסירט עס אפט, אז נאך דער וואך פון טרייעל טויג ער ניט פאר דער פירמע און ווערט ארויסגעשיקט. ווען אבער דער יוניאן ביזנעס אייזשענט וועט ספעציעל דארויף אכטונג געבען, אליין אדער דורך דעם שאפ־טשערמאן, וועט יעדער באס דאן וויסען, אז פון יוניאן קאנדישאנס וועט ער זיך ניט קאנען ארויסדרייען. דאס וועט פארזיכערען אונזערע מעמבערס פון דיסקרימינייששאן און מיר וועלען דאן קאנען איינפיהרען יוניאן קאנדישאנס פאר'ן עקזאמינער און איהם געבען א מעגליכקייט צו לעבען און צו ארבייטען ווי א יוניאן מאן. דאס וועט פארשטארקערען אונזער יוניאן און איהר אויפשטעלען אין איין ליין מיט די עלי־טערע שוועסטער און ברידער לאקאלס פון דער קלאוק אינדוסטריע.

מיר ווינשען אייך דעלעגאטען צו דער 16טער קאנווענשאן פון דער א. ל. ג. וו. י. ערפאלג אין דער ארבייט און מיר הא־פען אז אייערע באשליסע וועלען מיט־העלפען צו פארשטארקערען און פאר־שעהנערען אונזער יוניאן בכלל און אלע לאקאלס בפרט און דערמיט אונז מעגליך מאכען צו זיין פארטיג צו געבען צו יע־דער צייט א געהעריגען ווידערשטאנד די באלעבאטים, און איינצושטעלען אלע יוניאן קאנדישאנס וואס מיר האבען ער־ווארבען נאך לאנגע, ביטערע קעמפע, גע־בענדיג אונז דערמיט א מעגליכקייט צו לעבען ווי מענשען דארפען לעבען.

זאל לעבען אונזער אינטערנעשאנאל!

מיר ווינשען אייך נחת אין דער ווייטערער ארבייט!

מיט ברודערליכען גרוס,

עקזעקוטיוו באארד, עקזאמינערס באגראדערס בושלערס יוניאן לאקאל 82, א. ל. ג. וו. י.

מ. י. אשפיז, מענעדושער.

דושיימס לארקין וועט ארויס־געלאזען ווערען אויף בעיל.

דושיימס לארקין, דער אירישער רעוואלוציאנער, וועלכער איז פאראורטיילט געווארען אין אפריל 1920 פאר קרימינאל אנארכי, האט געוואונען זיין פייט ארויסגעלאזען צו ווערען אויף בייל ביז די קאורט פון אפילס וועט אנט־שיידען זיין קייס.

דושאדש קארדאזא פון קאורט פון אפילס האט באשטימט זיין בייל פאר 15 טויזענט דאלאר.

מען ערווארט, אז לארקינ'ס פריינד וועלען קריגען פאר איהם די בייל היינ־טיגע וואך, און ער וועט באלד זיין אין דרויסען.

לארקין איז א־רעסטירט געווארען צוזאמען מיט זיינע קאלעגען פוירגוסאן, רוטענבערג און גיטלאוו. זיינע קאלע־גען זיינען לעצטע וואך ארויסגעלאזען געווארען.

דער „פארברעכען" פון די פיר איז באשטאנען אין דעם, וואס זיי האבען פארעפענטליכט א רעוואלוציאנערן מאניפעסט אין דער „רעוואלושאנערי איידזש". זיי אפעלירען איצט געגען דער שטראף אויפ'ן גרונט, אז מען האט שלעכט אויסגעטייטשט דעם געזעץ ווען מען האט זיי פאר'משפט פאר קרימי־נעל אנארכי.

די וואך

פון נ. ש.

די פערטע וואך אין גענוא.

דריי וואכען זיינען שוין פאריבער זינט די גענואַ קאנפערענץ האט זיך געעפענט. און די איינציגע זאך וואס איז געטאן געווארען איז אויסצופירען איין קריזיס און אנשלאגען זיך אן א צווייטען. די פערטע וואך פאנגט זיך אן מיט א שפאנענדיגען קריזיס, אפשר דער הויפט קריזיס פון קאנפערענץ. דאס איז די באדינגונגען וואס די עליים וועלען צושטעלען רוסלאנד. ווען די שורות ווערען געשריבען, האלטען נאך די עליים אין אויסארבייטען די רייהע פארדערונגען וועלכע זאלען הויפטזעכליך צופרידענשטעלען פראנקרייך און ענגלאנד, אבער עס איז שוין באקאנט געווארען אז קיין הלואת וועלען זיי רוסלאנד ניט געבען. אבער זיי זיינען גרייט צו געבען איהר קרעדיטען דורך א ספעציעלען אינטערנאציאנאלען פינאנץ-טראסט, אין וועלכען עס זאל זיך אויך באטייליגען דייטשלאנד. דער דאזיגער טראסט זאל אויך גאראנטירען די חובות פאר די זאכען, וואס רוסלאנד וועט קויפען און זאל דאריפר באקומען די סחורות וואס רוסלאנד וועט ארויסשיקען. לויט דעם פלאן זאל די אינטערנאציאנאלע אדער אליאירטע קאמיטע צוטיילען רוסלאנד אזוי, אז ענגלאנד, צום ביישפיל, זאל פיהרען איהר רוסישען האנדעל דורך די האפענס פון נארדליכען און באלטישען ים. די דרום-זידליכע לענדער פון אייראפא זאלען פיהרען זייער האנדעל דורך'ן שווארצען ים. איטאליען וויל דאס אויסשליסליכע רעכט צו האנדלען מיט דרום רוסלאנד, און אזוי ווייטער.

ווען די שורות ווערען געשריבען האט נאך די סאוועט רעגירונג ניט באקומען די אפיציעלע נאטע פון די עליים. אבער די אלגעמיינע פונקטען זיינען שוין באוואוסט און טשיטשערין האט ערקלערט אז רוסלאנד וועט בשום אופן ניט איינגעהן אויף די פלענער פון די עליים. ערשטענס וועט זי פאר קיין פאל ניט אפזאגען זיך פון איהרע קאמוניסטישע פרינציפען און ניט דערלויבען די עליים, ווי זי זאלען אימער אנווייזען, ווי זי זאל פיהרען איהר עקאנאמישער פאליטיק. צווייטענס וועט רוסלאנד ניט איינשטימען, אז אן אינטערנאציאנאלער טראסט זאל קאנטראלירען איהר האנדעל און פינאנסען, ווייל דאס וואלט געמיינט, אז די עליים זאלען ווערען די עקאנאמישע באלעבאטים איבער רוסלאנד.

גענוא האלט אויך אין ארגאניזירען א קאנפערענץ פון באנקירען און פינאנסירען, וואו אמעריקא וועט אויך זיין פארטראטען. עס פערשטעהט זיך אז אזעלכע קבצנים ווי פראנקרייך און ענגלאנד קענען ניט לייהען געלט אדער געבען קרעדיט רוסלאנד אדער דייטשלאנד, אויב עס וועט קומען דערצו. די פראגע האט זיך אויך אויפגעהויבען, אז אויב ענגלאנד און פראנקרייך און די איבעריגע אייראפעאישע לענדער וועלען אנערקענען רוסלאנד וואס וועט דאן אמעריקא טאן? וואס וועט אונזער רעגירונג טאן ווען „אונזערע" פינאנסיסטען און באנקירען וועלען צושטימען צו דעם אייראפעאישען פלאן? אונזער רעגירונג איז אלע מאל געווען געהארכזאם צו דער שטים פון וואלל סטריט. און עס איז אויך צו גלויבען אז איידער די אמעריקאנער באנקירען האבען איינגעשטימט צו נעמען אנטייל אין דער באנקירען קאנפערענץ אין גענוא האבען זיי זיך פריהער דורך גערעדט מיט סעקרעטער יוהז און פרעזידענט הארדינג.

סעמועל גאמפערס, פרעזידענט פון דער אמעריקאן פעדריישאן אף לייבאר, איז די טעג ארויס מיט א שארפער אטאקע געגען סאוועט רוסלאנד און האט אפעלירט צו דער מענשליכקייט און פארשטאנד פון דער וואשינגטאנער רעגירונג אויף קיין פאל ניט צו אנערקענען די סאוועט-רעגירונג. ער האט דערביי ווידער אמאל איבערגע'חזר'ט די אלטע טענות געגען די באלשעוויקעס, און האט געבעטען אונזער רעגירונג ווארטען ביז אין רוסלאנד וועט זיין „פרייהייט" און „דעמאקראטי" פונקט ווי אין אמעריקא, און דאן וועלען מיר געבען רוסלאנד פולע אנערקענונג.

בירגער קריג אין כינא.

לעצטען שבת האט אויסגעבראכען א קריג צווישען דער רעגירונג פון דרום כינא און פון דער צענטראלער רעגירונג, וואס זיצט אין פעקין. בעריכטען גיבען אן אלס רעזולטאט פון די ערשטע צוויי טעג פון דער שלאכט זיינען איבער א טויזענד טויט און פארוואונדעט. די גאנצע באפעלקערונג איז אין שרעק אין דעם נאנטען געגענד ארום פעקין, וואו דער שלאכט קומט פאר. די אויסלענדער באהאלטען זיך אונטער די אמעריקאנער, ענגלישע און פראנצויזישע פלאגען. דער אמעריקאנער מיניסטער אין כינא האט געבעטען ביי דער אמעריקאנער רעגירונג צו שיקען אמעריקאנער סאלדאטען צו פארטיידיגען די אמעריקאנער און זייערע אינטערעסען.

דער קאמף קומט פאר צווישען די צוויי פיינדליכע רעגירונגען אין כינא. די רעגירונג פון דרום כינא, וועלכע זיצט אין קאנטאן, פארטרעט די ליבעראלע עלעמענטען פון כינא, וועלכע רופען זיך די קאנסטיטוציאנאליסטען; זי איז ענטשלאסען צו פארכאפען פעקין און ארונטער צו ווארפען די פרטיגע רעגירונג, וועלכע פארטרעט די אינטערעסען פון אמעריקאנער און אייראפעער קאפיטאל. די קאנסטיטוציאנאליסטען זוכען צו שאפען א פאראייניגטע ליבעראלע כינא, און באפרייען איהר פון דער הערשאפט פון אויסלענדישע גרויס-מעכטע. איהרע טרופען האבען געמאכט גרויס פארשריט דורך די לעצטע פאר טעג, און ווי עס ווייזט אויס, וועט עס זיי געלינגען אין גיכען צו פארנאפען פעקין.

דער אויסגאנג פון דער שלאכט איז נאך ביי דעם שרייבען ניט באקאנט. די דיפלאמאטען פון די גרויס מעכטע וואס זיינען פארטראטען אין כינא האבען געווארנט ביידע צדדים ניט צו שלאגען זיך אין פעקין. עס איז קיין צווייפעל ניט, אז זיי וועלען ניט דערלאזען צו קיינע ראדיקאלע ענדערונגען אין כינא. די אינטערעסען פון אמעריקא און ענגלאנד וועלען שוין פארזיכערט ווערען, און דאס מיינט אז קיין באוועגונג ווי די קאנסטיטוציאנאליסטען ווילען קען דארט ניט האבען קיין ערפאלג.

די סאציאליסטישע קאנווענשאן אין קליוולאנד.

אין דער זעלבער צייט און אין דער זעלבער שטאדט וואו די אינטערנעשאנעל לײדיס גארמענט ווארקערס יוניאן האלט אפ איהר קאנווענשאן, האלט אויך די סאציאליסטישע פארטיי איהר קאנווענשאן.

די ערשטע פראגע אויף דער טאגעס-ארדנונג פון דער סאציאליסטישער קאנווענשאן איז געווען וועגען איהר שטעלונג צו דעם סאציאליסטישען אינטערנאציאנאל. די פראגע איז געווען אויף דער טאגעס ארדנונג פאר די לעצטע עטליכע יאהר, אבער נאר ביי דער איצטיגער קאנווענשאן האבען זיי באשלאסען אנצושליסען זיך אן דער אלוועלטליכער סאציאליסטישער באוועגונג. די ביזהעריגע פאליסי פון דער אמעריקאנער סאציאליסטישער פארטיי איז געווען פונקט ווי די פאליסי פון אונזער רעגירונג, וועלכע וויל זיך ניט מישען אין אייראפעער פאליטיק, נאר וויל ווארטען ביז וואנען אלץ וועט זיין קלאר און זיכער. די קאנווענשאן האט באשלאסען צו ענדערען די פאליסי. דער פארשלאג פון מארים הילקוויט איז אנגענומען געווארען און די סאציאליסטישע פארטיי איז פארטיג אריינצוטרעטען אלס א מיטגליד פון אינטערנאציאנאל.

אבער פון וועלכען אינטערנאציאנאל? עס איז געווען פון וואגען אויסצוקלייבען, און דאס איז געווען די שוועריגקייט. ענדליך האט די קאנווענשאן באשלאסען צו ווערען א מיטגליד פון דעם וויענער פארבאנד פון [illegible] סאציאליסטישער פארטיי, אדער, ווי ער איז באקאנט אלס דער צוויי-און-א-האלב אינטערנאציאנאל. אחוץ מארים הילקוויט'ן איז די רעזאלוציע אויך פארטיידיגט געווען פון דעם אידישען סאציאליסטישען פארבאנד און פון אטא בראנשטעטער, דער נאציאנאלער סעקרעטער פון דער סאציאליסטישער פארטיי. די רעזאלוציע איז אנגענומען געווארען.

דער פראטעסט פון די קינדער פון די פאליטישע ארעסטירטע.

פילע פון די, וועלכע האבען געוואגט אין דער צייט פון קריג ארויסצוזאגען אז די קריג איז געפיהרט געווארען ניט צוליב יושר און דעמאקראטיע שמאכטען נאך אלץ אין די פריזאנס. אויב די אמעריקאנער באוועגונג האט געהאלפען באפרייען יודזשין וו. דעבס און א קליינע צאהל אנדערע „פארברעכער", זיינען אבער נאך פילע פארבליבען הינטער די גראטעס. לעצטען שבת זיינען זיבען און דרייסיג פרויען און קינדער פון די פאליטישע „פארברעכער", וואס געפינען זיך אין די פעדעראלע פריזאנס אנגעקומען אין וואשינגטאן צו בעטען ביי פרעזידענט הארדינג זייער באפרייאונג.

די פאליציי, ווי געוועהנליך, האט די דעלעגאציע ניט ערלויבט צו מארשירען צום ווייסען הויז. מען האט זיי אויך ניט ערלויבט אריינצוגעהן אין דער קירכע וואו פרעזידענט הארדינג טוט תפילה צו גאט. דער פרעזידענט האט זעהר א ווייכע הארץ און ער האט זיך אפגעזאגט פון אויפצונעמען די קינדער וועלכעס טאטעס זיינען פערשפארט אין די פריזאנס. די קינדער אבער זיינען פאר'עקשנ'ט און זיי ווילען ניט אויפגעבען דעם פארזוך צו אפעלירען פאר זייערע עלטערען. עטליכע פון די סיינס וועלכע די קינדער האבען געטראגען האבען זיך געלעזען ווי פאלגט: „איך האב קיין מאל ניט געזעהן מיין פאפא'ן"; „די ריישישען האבען ניט קיין פאליטישע פארברעכער"; „פראפיטירס האט מען ניט געשיקט אין פריזאן"; „דעמאקראטי און פאליטישע פארברעכער פאסען זיך ניט צוזאמען"; און אזוי ווייטער. די קינדער האבען זיך אויסגעשטעלט אויף דער הויפט גאס לעבען דעם ווייסען הויז און די הארדינג פאמיליע פיהלט זיך ניט איינגעשטאנען אז מען זאל זיי דערמאנען פון אזעלכע אומאנגענעמע זאכען.

פרעזידענט הארדינג האט זיך דערוויילט ענטזאגט צו זעהן די דעלעגאציע, אבער זיין פריוואט סעקרעטער און דער אטארניי דזשענעראל האבען ערקלערט, אז זיי וועלען פראבירען טאן עפעס, האבען אויסגעדריקט פרייע סימפאטיע פאר די קינדער, אבער קיין דעטאליכען ענטפער האבען זיי ניט געגעבען.

דער טרייל און סטרייק פון די מיינערס

די מיינערס פיהרען אן א העפטיגען קאמף אויף צוויי פראנטען: דעם ערשטען אפריל האט זיך אנגעפאנגען דער ריזיגער סטרייק קעגען די קוילען בארענען, לעצטע וואך האט זיך אנגעפאנגען דער גרויסער טרייל אין טשארלסטאון, וועסט ווירדזשיניא, וואו איבער 500 מיינערס זיינען פאריקלאגט געווארען אין אלע „פארברעכענס", וואס געפינען זיך אין די געזעץ ביכער.

גאווערנאר מארגאן פון וועסט ווירדזשיניא איז געווען דער ערשטער עדות וועלכער איז אויפגעטראטען קעגען די מיינערס. ער האט דערציילט אז ער האט ערקלערט דעם קוילען געגענד פון סטייט אין מיליטערישען צושטאנד לעצטען זומער, און די מיינערס האבען דעם פאקט איגנארירט. עס איז אבער דעם לויער פאר די מיינערס געלונגען ארויסברענגען פאקטען, וועלכע האבען בלויז באוויזען, אז דער גאווערנאר איז א געהארכזאמער משרת פון די קוילען בארענען, אז ער האט ערלויבט באוואפענטע גאנגסטערס און פריוואטע דעטעקטיווס צו טעראריזירען די מיינערס, אז קיינע פרידליכע מיטינגען זיינען ניט ערלויבט געווארען, אז ער האט געבראכען זיין ווארט און זיינע צוזאגען ווען ער איז געוועהלט געווארען פאר גאווערנאר, אויסצוראטען די מגפה פון פריוואטע דעטעקטיווס און גאנגסטערס. דאס אלץ איז ניט קיין נייעס, אבער עס איז א געווינס פאר די מיינערס, ווען זייערע לויערס איז געלונגען געוויזען פארצוברענגען די פאקטען.

דער סטרייק פיהלט זיך אלץ מעהר און מעהר. די אינדוסטריען פון לאנד הויבען אן פיהלען דעם מאנגעל אין קוילען, און די קוילען בארענען הויבען זיך באנוצען מיט זייערע געוועהנליכע מעטאדען פון טעראריזירען די מיינערס, און מאביליזירען די קאורטס צו קריגען וואס מעהר אינדזשאנקשאנס. לעצטע וואך איז אין פענסילווייניא סטייט, איינע פון די וויכטיגסטע קוילען געגענדען, ארויסגעבראכען אן אפענער צוזאמענשטויס צווישען מיינערס און שעריפס און גאנגסטערס. די שעריפס האבען געשאסען אין גרופען מיינערס וואו עס האבען זיך געפונען פרויען און קינדער. מיטינגען זיינען פארבאטען אין יענעם געגענד. די קוילען מאגנאטען מיט דער הילף פון דער פאליציי און די קאורטס פראבירען צו ברעכען דעם סטרייק. אבער דאס וועט זיי ניט געלינגען. דער מאנגעל אין קוילען, וועלכער ווערט מיט יעדען טאג שטארקער, וועט מיט דער צייט ברענגען די קוילען מאגנאטען צו באנוצען אנדערע מיטלען, דאס הייסט, נאכצוגעבען די פארדערונגען פון די מיינערס.

צו די לײדיס װײסט און דרעסמאכער פון פילאדעלפיא און זייערע פריינד!

(א ווארט וועגען די יוניטי הויז)

מיט דעם אנקומען פון דעם זומער פאנגט זיך אלע מאל אן א נייער לעבען אין דער ווייסט און דרעסמייקערס יוניאן. צו דעם טראגט ביי די זומער אונטערהאלטונגען פאר די טויזענדער ווייסט און דרעסמייקערס און זייערע צאהלרייכע פריינד. דיזע אונטערהאלטונגען, די קאנצערטען לעקטשורס און אנדערע גייסטיגע פארגעניגענס, וועלכע ווערען אלע זומער פאראנשטאלטעט פון דער יוניאן אין אונזער יוניטי היים אין א ר וו י ל א, פ ע נ ס י ל וו י נ י א.

די יוניטי הויז איז געווארען נישט נאר א פלאץ צום רוהען, נאר אויך א אינסטיטושאן פאר גייסטיגע פארגעניגען פאר דער יוגענד פון פילאדעלפיא, א היים פון ארבייטער, פאר ארבייטער, — פארוואלטעט פון די ארבייטער זעלבסט.

יעדער מענש, וועלכער פארגינט זיך צו נעהמען אן אבְרוה אין די הייסע זומער מאנאטען זוכט אימער צו געפינען א פלאץ פון פאלשטענדיגע רוהע, גוטע און פרישע שפייז, און אנדערע באקוועמליכקייטען. אבער עס איז גאנץ שווער צו קריגען דאס אלעס צוזאמען, ווען עס קומט אויס צו פאהרען צו פריוואטע האטעל-אייגענטימערס, ווייל אלעס ווערט געמאכט דארט אום צו מאכען וואס מעהר פראפיטען. און ווי געוועהנליך ווערט אלעס געגעבען פון דעם ביליגערן סארט, ווייל דער סיזאן איז דאך בלויז איינינע וואכען און מען מוז אן זאמלען גענוג פראפיטען פאר א גאנצען יאהר.

די יוניטי הויז איז נישט קיין פריוואטע אונטערנעהמונג, דער איינציגער צוועק פון דער יוניאן איז צו געבען א מעגליכקייט די מעמבערס, ווי די ארבייטער אנדערע יוניאנס, צו ערהוילען זיך, ווען זיי באשליסען צו נעהמען זייער וואקיישאן. עס איז קיין מאל נישט קיין פראגע ביי די פארוואלטער פון דער הויז וויפיל עס איז דער פרייז פון די עסענווארג. די פראגע איז, וואו מען קריגט פון דאס בעסטע, זאל עס קאסטען ווי טייער. ווייל קיין פראפיטען ווערט נישט געזוכט. אבער עס איז דא נאך א וויכטיגערע פראגע ווי עסען, און האבען א קליינעם צימער וואו צו שלאפען. און דאס איז, אויך עטוואס צו געניסען פאר דער נ ש מ ה.

דאס האט אימער די יוניאן געהאט אין זינען. די יוניטי קאמיטע איז שטארק באשעפטיגט מיט צוגרייטען פילע קאנצערטען מיט בארימטע טאלאנטען פאר די אונטערהאלטונגען, וועלכע וועלען געבען א געלעגענהייט צו די וואס וועלען דארטען האבען זייער וואקיישאן צו פארברענגען א זעהר אנגענעהמע שטיקעל צייט. פאר דעם היינטיגען זומער האבען מיר באשלאסען איינארדנען דעם פלאץ מיט מעהר באקוועמליכקייטען און פאר דיזען צוועק ווערט איינגעפיקסט א ביידינג פלאץ אין דער יוניטי גופא, וואו מען וועט זיך קאנען באדען צו יעדער צייט פון טאג. און נאך אנדערע אויסבעסערונגען ווערען דארט געמאכט. די יוניטי הויז וועט זיך ערעפענען דיעזען דעם 18טען און די ביכער צום פארשרייבען זיך זיינען שוין אפען. קומט גלייך אין אפיס פון דער יוניאן און מאכט אייערע אפליקיישאנס.

* * *

ווייסט און דרעסמאכער!

די אסאסיאיישאן האט זיך פארמאכטען געגען דער יוניאן און אלע איהרע אינסטיטושאנס.

עס איז אבער א נס געשעהן! נאך 26 וואכען סטרייקען איז נישט נאר די יוניאן געבליבען גאנץ און איינינ, נאר אויך די אינסטיטושאנס פון דער יוניאן זיינען געבליבען גאנץ, און די יוניאן טרעט עס נאך היינטיגען זומער צו פארשענערען, אלעס בעסער מאכען די יוניטי הויז.

עס איז דערום אייער פליכט, אלס איבערגעגעבענער מעמבער צו אייער ארגאניזאציע, צו פאטראניזירען אייער יוניטי היים דיזען קומענדיגען זומער מעהר ווי אלע מאל.

מיר האבען צוזאמען געליטען 26 וואכען און אויך צוזאמען זאלען מיר קליבען נייע קרעפטען. אונזער מאטא איז איינינקייט, אין ליידען, צו אין פריידען.

מיר האבען אויך באשלאסען אום צו געבען א מעגליכקייט אלע אונזערע מעמבערס צו קאנען נעהמען זייער וואקיישאן אין דער יוניטי נישט צו רעכענען מעהר ווי 13 דאלאר א וואך פאר מעמבערס פון דער יוניאן.

פאר ווייטערע איינצעלהייטען ווענדעט זיך צום פינאנס סעקרעטאר פון דער יוניאן אין 38 נ. 11טע סטריט.

מיט יוניאן גרוס,

די יוניטי קאמיטע פון דער ווייסט און דרעסמאכער יוניאן, ה. בערנשטיין, סעק.

די טעטיגקייט פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט

מיר האבען באקומען א זעהר אינטע-
רעסאנטען רעפארט פון די טעטיגקייטען
פון אונזער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט
אין די לעצטע צוויי יאהר, וועלכען
שוועסטער פאניא מ. כאהן, די סעקרע-
טערין פון די עדיוקיישאנאל קאמיטע פון
אונזער אינטערנעשאנאל, האט איינגע-
שטעלט צו אונזער 16טער קאנווענשאן
אין קליוולאנד. דער רעפארט איז
שיין געדרוקט פאמפלעט אין ענגליש
און מאכט א זעהר גוטען איינדרוק.
נאטירליך, מיר קאנען ניט איבערגע-
בען דעם גאנצען רעפארט. עס וואלט
פארנומען צופיל פון אונזער באשרענק-
טען פלאץ. מיר וועלען זיך מוזען בא-
גנוגענען מיט'ן איבערגעבען די וויכטיג-
סטע שטעלען, אין א פארקירצטער
פארם, אין אונזער אייגענער שפראכע.

די יוניטי סענטערס.

דורך די לעצטע צוויי יאהר — זאגט דער רעפארט — האט זיך פיל אויסגעברייטערט די אינטערנעשאנאל'ס עדיוקיישאנאל טעטיגקייט.

קודם כל קומען די יוניטי סענטערס. מיר האבען איצט צוויי יאהר אכט יוניטי סענטערס, ווי געפינען זיך אין די פאבליק סקול בילדינגס און די פארשידענע קווארטאלען פון שטאט. אין יעדען יוניטי סענטער ווערט געלערנט ענגליש אין אלע גראדען, פון ענגליש פאר אנפאנגער ביז הייסקול ענגליש. די לערער פאר דיזע קלאסען ווערען צוגעשטעלט פון דעם „איוונינג סקול דעפארטמענט" פון „באארד אוו עדיוקיישאן". אין יעדען יוניטי סענטער איז אויך דא א „סופערווייזאר", וואס ווערט פארגעשטעלט פון דעם „דעפארטמענט אוו קאמיוניטי און רעקריאיישאן סענטערס" פון די „באארד אוו עדיוקיישאן".

אונזער אינטערנעשאנאל ארגאניזירט אין די סענטערס אייגענע קורסען, וועלכע באשטעהן פון די פאלגענדע געגענשטאנדען:

געשיכטע פון דער ארבייטער באוועגונג; טרייד יוניאניזם אין אמעריקא און [illegible]; עקאנאמיקס, פסיכאלאגיע, היסטאריע, געשיכטע פון ציוויליזאציע, ליטעראטור.

די קלאסען אין די יוניטי סענטערס ווערען געהאלטען פיר און פינף מאל א וואך. ארום 40 לערער באטייליגען זיך בלויז אין די ענגלישע קלאסען פון אלע אונזערע יוניטי סענטערס.

איין אווענט א וואך ווערט אין יעדען יוניטי סענטער געווידמעט צו שטארקען דעם קערפער. פאר איין שטונדע ווערט געהאלטען א לעקשור איבער געזונדהייטס פראגען. די לעקשורער איבער פראגען פון געזונט ווערען צוגעשטעלט פון דער „באארד אוו אינדוסטריעל הייגיען" פון „באארד אוו העלט". אלע זייערע לעקשורער זיינען דאקטוירים.

די צווייטע שטונדע פון דעם אווענט ווערט פארבראכט אין „רעשימערייזים", און קערפערליכע איבונגען, אונטער דער אויפזיכט פון קאמפעטענטע „פיזיקאל-טריינינג" לערער.

אין די יוניטי סענטערס באטייליגען זיך איבער צוויי טויזענד שילער.

דער ארבייטער אוניווערזיטעט.

די קלאסען אין אונזער ארבייטער-אוניווערזיטעט האבען זיך פארמעהרט און פארבעסערט. דורכ'ן לעצטען סיזאן זיינען אנגעפיהרט געווארען זעקס קלאסען אין וואשינגטאן אירווינג הייסקול, דריי קלאסען שבת נאך מיטאג און דריי זונטאג אין דער פריה. די קורסען האבען אנגעהאלטען פון נאוועמבער ביז אפריל. א חוץ דעם זיינען דארט אויך געגעבען געווארען איינצעלנע לעקשורס איבער וויכטיגע ארבייטער פראגען.

לעצטען סיזאן זיינען אויך ארגאניזירט געווארען „אפען פארומס", דיסקוסיאנס-פארזאמלונגען, וועלכע זיינען באזוכט געווארען פון טויזענדע מיטגלידער. די באזוכער האבען זיך אויך באטייליגט אין די דיסקוסיאנען. ביי מאנכע פון דיזע פארזאמלונגען איז געגעבען געווארען א מוזיקאלישע פראגראם. איינינע פון דיזע פארזאמלונגען זיינען פרעזידירט געווארען פון פרעזידענט שלעזינגער. ער האט גערעדט וועגען די פראבלעמען, וואס שטעהען פאר די ארבייטער אין דער קלאוק אינדוסטריע, און מאנכע קלאוקמאכער האבען זיך צוגעהערט מיט גרויס געשפאנטקייט.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איז געקומען צום שלוס, אז אזעלכע פארזאמלונגען זיינען זעהר וויכטיג. די גרויסע מאסען מיטגלידער קאנען ניט, צוליב פארשידענע סבות, קומען רעגעלמעסיג אין די קלאסען, זיי קומען אבער צו אונזערע פארזאמלונגען, וואו עס ווערען באהאנדעלט וויכטיגע טרייד פראבלעמען. דיזע פארזאמלונגען דארפען דאריבער פארשטארקט ווערען, אום צו באלערנען די גרויסע מאסען מיטגלידער פון אונזערע יוניאנס.

(אויס דעם רעפארט צו די 16טע קאנווענשאן פון די אי. ל. ג. וו. יו.)

לעקשורס אין אידיש.

פאר די מיטגלידער וואס פארשטעהען ניט גוט ענגליש צו קאנען זיך באטייליגען אין די קלאסען און קורסען אין די יוניטי סענטערס, אדער אין ארבייטער אוניווערזיטעט, זיינען געגעבען געווארען אידישע לעקשורס איבער פארשידענע טעמאס. דיזע לעקשורס זיינען באזוכט געווארען פון א סך מיטגלידער.

פאר די רוסישע מיטגלידער זיינען געהאלטען געווארען לעקשורס אויף רוסיש.

לעקשורס ביי יוניאן-מיטינגען.

דורך די לעצטע צוויי יאהר זיינען ארגאניזירט געווארען פיל לעקשורס פאר די אינטערנעשאנאל לאקאלס, וועלכע זיינען געהאלטען געווארען ביי די „ביזנעס-מיטינגען" פון די לאקאלס. די מיטגלידער פון די לאקאלס האבען די לעקשורס זעהר גוט אויפגענומען. פילע פון זיי האבען זיך באטייליגט אין די דיסקוסיעס, וואס די לעקשורס האבען ארויסגערופען. דיזע לעקשורס זיינען געהאלטען געווארען אין אידיש אדער אין ענגליש; די לאקאלס האבען אליין באשטימט אין וועלכער שפראך די לעקשורס זאלען געהאלטען ווערען. עס איז איבעריג צו זאגען, אז דיזע לעקשורס דארפען אומבאדינגט פארגרעסערט ווערען.

סטרייק און סאשיאל-טעטיגקייטען.

דורך די גענעראל - סטרייקס פון די ווייסטמאכער און די קלאוקמאכער האט זיך דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט פארנומען מיט די סטרייקער. עס איז באזארגט געווארען מוזיקאלישע פראגראמען פאר די פרייע קאנצערטען צו אמוזירען די סטרייקערס. דער דעפארטמענט האט זיך אויך באטייליגט אין דער ארבייט צו באזארגען רעדנער פאר די מיטינגען פון די סטרייקער.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט אנגעוויזען די נויטווענדיגקייט פון געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען פאר די מיטגלידער, און פון צייט צו צייט זיינען אזעלכע אונטערהאלטונגען ארגאניזירט געווארען, מיט א רייכען מוזיקאלישען פראגראם. רעדעס זיינען דארט אויך געהאלטען געווארען פון פראמינענטע רעדנער אין דער ארבייטער-באוועגונג, און פון די עדיוקיישאנאל קרייזען. מען האט זיך אויך אונטערהאלטען מיט בארגעזאנג און מיט טאנצען.

אזעלכע געזעלשאפטליכע אונטערהאלטונגען ווערען באזונדערס אראנזשירט ביים סוף פון יעדען עדיוקיישאנאל סעזאן. דארטען קומען זיך צוזאמען די סטודענטען פון די יוניטי סענטערס און פון ארבייטער אוניווערזיטעט מיט זייערע פריינט, די לערער פון אונזערע קלאסען, די מיטגלידער פון די עדיוקיישאנאל קאמיטעס פון אונזערע לאקאלס און די באאמטע פון אונזער יוניאן. דיזע אונטערהאלטונגען ווערען פינאנסירט פון די סטודענטען גופא.

דורכ'ן סעזאן ווערען אויך אראנזשירט „עקסקורשאנס", אויספאהרען אין פארשידענע אינטערעסאנטע געגענדען ארום ניו יארק. אלע אויספאהרען זיינען דורכגעפיהרט געווארען מיט ערפאלג.

יוניטי הייזער

פון די יוניטי סענטערס האט זיך אנטוויקעלט דער געדאנק פון יוניטי הייזער אין ניו יארק און אין די קאונטרי. די יוניטי הייזער ווערען געפיהרט אויף א קאאפעראטיווען אופן. אזעלכע יוניטי הייזער ווערען אויפגעהאלטען פון די ניו יארקער ווייסטמאכער, דרעסמאכער, פון דעם איטאליענישען לאקאל 89 און פון די פילאדעלפיער ווייסטמאכער און דרעסמאכער יוניאן. פילע טויזענטער פון אונזערע מיטגלידער פארברענגען אין דיזע אינסטיטוציעס, וועלכע ווערען געפיהרט אין א גייסט פון פריינדליכקייט און ברידערליכקייט.

דורך פאראייניגטע קרעפטען האבען די מיטגלידער באוויזען צו איינצאמען זיך [illegible] מיט אלע ביקוועמליכקייטען, פון וועלכע פריהער האבען געוואגט נאר די רייכע. די מיטגלידער האבען איינגעזעהן, וואס מען קאן דורך איינהייט און קאאפעראציע זיך ערווערבען, שיין אינס אין ווי שטרעבען דאס צו באקומען.

מיט דער אינטעלעקטועלער אנטוויקלונג פון די מיטגלידער, דורך אונזערע קלאסען, קומט אויך די אנטוויקלונג פון א געפיהל פאר שעהנקייט, און עס איז אנטשטאנען א גרויסער פארלאנג צו פארשענערען דאס לעבען. מאכען שיינער. דיזע טעטיגקייט וועט זיך מיט דער צייט אלץ מעהר אויסשפרייטען.

שאפ-מיטינגען

שאפ-מיטינגען פלעגען געווענליך געהאלטען ווערען אין האלס. פריהערדיגע צייטען אין די הינטערשטע צימערען פון די ביר-סאלונען. דיזע פלעצער זיינען דאס רוב געווען פול מיט רויך און שמוץ. זיי זיינען געווען אומגעזונטע פלעצער וואו זיך צונויפציכען. אין די שעפער, וואו די מיטגלידער ארבייטען, האבען מיר געפאדערט סאניטארע צושטענדע, אבער אין די פלעצער, וואו די שאפ-מיטינגען זיינען געהאלטען געווארען, איז פון סאניטארישקייט קיין שפור ניט געווען. דאס איז אין זיך אליין א געווען א ווידערשפרוך צו אונזער גאנצער אגיטאציע וועגען סאניטארע באדינגונגען.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט געפונען א לעזונג פאר דער פראגע. ארענדזשמענטס זיינען געמאכט געווארען מיט'ן „באארד אוו עדיוקיישאן", אז די פאבליק סקול בילדינגס, וואס געפינען זיך אין פעקטארי-דיסטריקטס, זאלען באנוצט ווערען, אין די שטונדען צווישען 5 און 8 אווענטס, פאר שאפ-מיטינגען. די קלאוקמאכער יוניאן פון ניו יארק און אויך די ווייסט און דרעסמאכער יוניאן באנוצען זיך מיט דער געלעגענהייט און יעדען אווענט ווערען אפגעהאלטען פילע שאפ-מיטינגען אין די סקול-בילדינגס, וואו די צימערען זיינען גוט ווענטילירט, וואו עס איז ליכטיג און אנגענעהם צו פארזאמלען זיך. און עס האט זיך ארויסגעוויזען, דאס די ארבייטער, ווען זיי פארזאמלען זיך צו א שאפ-מיטינג אין א סקול-בילדינג, פארהאלטען זיי זיך בעסער און ערנסטער, ווי ווען מען האט זיך פארזאמעלט אין א הינטער-צימער פון א שמוציגען ביער-סאלון אדער אין פינסטערע, ניט-סאניטארע האל.

די אינטערנעשאנאל עדיוקיישאנאל קאמיטע

די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט ווערט אנגעפיהרט אונטער די אויפזיכט פון דער עדיוקיישאנאל קאמיטע, וואס איז א טייל פון אונזער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד. זי באשטעהט פון פינף מיטגלידער פון דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד פון אונזער אינטערנעשאנאל. די ארבייט ווערט געטאן פון דעם עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, וואס די עדיוקיישאנאל קאמיטע האט עטאבלירט. דיזע ארבייט ווערט געטאן דורך די סעקרעטער פון דער קאמיטע, אונזער וויס-פרעזידענטין, שוועסטער פאניא מ. כאהן, און א עדיוקיישאנאל דירעקטאר, וואס ווערט פאר דעם צוועק אנגאזשירט.

די ארבייט פון די צוויי פערזאן איז גאר ניט קיין לייכטע, עס איז זעהר א פאראנטווארטליכע ארבייט. זיי דארפען אנשטעלען לערער פאר אלע קורסען און זיי דארפען באשטימען וואס אין די קורסען זאל געלערנט ווערען, און ווי אזוי עס זאל געלערנט ווערען. צו דעם, פארשטעהט זיך, פאדערט זיך א גוטע באקאנטשאפט מיט ארבייטער-בילדונג בכלל און מיט די פראבלעמען פון דער ארבייטער-באוועגונג בפרט. וואדום דאס לערנען אין די קלאסען דארף געפיהרט ווערען אויף אזא אופן, עס זאל נוצליך זיין פאר די צילען פון דער ארגאניזירטער ארבייטער-באוועגונג בכלל און פאר אונזער יוניאן בפרט.

דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט האט זיך געמאכט פאר זיין צוועק צו באוועגען די לאקאל יוניאנס מיטצווירקען אין דער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט, זיך צו באטייליגען דירעקט אין דער ארבייט און מיטהעלפען די פארוואלטונג. די לאקאל יוניאנס טוען עס דורך זייערע לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס.

פאר דעם צוועק האט דער עדיוקיישאנאל דעפארטמענט איינגעפיהרט דזשאינט קאנפערענצע, וועלכע מיטינגען פון פארטרעטער פון די לאקאל עדיוקיישאנאל קאמיטעס, וואו צוזאמען מיט'ן עדיוקיישאנאל דעפארטמענט ווערען דיסקוטירט פראגען, וואס האבען צו טאן מיט „ליבער עדיוקיישאן" און דארטען ווערען באשלאסען און אויסגעארבייט פלענער, ווי אזוי אנצופיהרען מיט דער עדיוקיישאנאל טעטיגקייט. אויף דיזע קאנפערענצן איז איינער דא דער עדיוקיישאנאל דירעקטאר, און ער האט פארטרעטען זיין אייגענע מיינונג אין דער פראגע.

די „דזשאינט קאנפערענץ" איז א דעמאקראטישער שטייגער אין דעם לעבען פון אונזער יוניאן, דאס נעמט אריין די לאקאל יוניאנס אין דער פארוואלטונג און גיט זיי א געלעגענהייט צו באשטימען, וועלכע עדיוקיישאנאל טעטיגקייט עס זאל אנגעפיהרט ווערען.

אבער די דעמאקראטיע אין דעם פלאן געהט נאך ווייטער; אויך די לערער פון די קלאסען, און די סטודענטען פון די קלאסען האבען זייער ווארט און באצוג צו די אנפיהרונג פון די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט. די סטודענטען ערוועהלען צוויי רעפרעזענטאנטען, און דיזע רעפרעזענטאנטען פארמירען א „סטודענטען קאונסיל". די סטודענטען פון דעם ארבייטער אוניווערזיטעט ערוועהלען צו דריי מיטגלידער פון יעדען קלאס. און דער „סטודענטען קאונסיל" נעמט אן אנטייל אין דער פארוואלטונג פון עדיוקיישאנאל דעפארטמענט, ער זאגט זיין ווארט אין דער אנפיהרונג פון די עדיוקיישאנאל טעטיגקייט.

די לערער פון אלע אונזערע קלאסען און יוניטי סענטערס זיינען פאראייניגט און פארמירען א פאקולטעט. דער פאקולטעט האט פון צייט צו צייט זיינע מיטינגען, אויף וועלכע עס ווערען דיסקוטירט פראגען פון עדיוקיישאן פאר ארבייטער, און דריי מיטגלידער פון דעם „סטודענטען קאונסיל" זיינען פארטראטען אין דעם פאקולטעט, מיט אלע רעכטען זיך צו באטייליגען אין די אלע פראגען, וואס ווערען דארט אויפגענומען און באשלאסען. דאס דערנעהנטערט ביז א געוויסען גראד די סטודענטען מיט זייערע לערער און ברענגט אריין צווישען זיי א פריינדליכען גייסט; דאס שאפט א באזיס פאר א מעהר הארמאנישען צוזאמענארבייטען.

מיר וועלען זיך אומקערען צו דעם ענין א צווייטען מאל און אנווייזען אויף נאך אנדערע אינטערעסאנטע פונקטען, וואס ווערען באריהרט אין דעם רעפארט פון שוועסטער פאניא מ. כאהן.

א סטעף-רעפארטער.

די פראטעקטיוו אסס'ן האט שוין אנגעפאנגען ריידען.

(שלוס פון זייט 1).

אויף דעם גלייטשיגען וועג פון אוויבינע סטרייקס, כאטש ער זאגט אויך אין דער זעלבער צייט, אז די אסס'ן האט ניט געביטען איהרע פריהערדיגע פאליסיס. אט טאקע דעריבער איז שווער צו זאגען באשטימט, וואס ער האט ווירקליך געמיינט מיט'ן סטייטמענט, צו איז דאס בלויז געווען א מין פוסטער, כלומר'שטער „שלום"-פייער קרעקער, אדער עס מיינט טאקע א מעהר פארשטענדיגער צוזאמענרעדען זיך מיט דער יוניאן.

יעדענפאלס, איינינע שטעלען פון דעם סטייטמענט קלינגען גאנץ שעהן, און עס ווילט זיך זאגען, הלואי וואלט עס נאר אמת געווען!

ער ריהרט, למשל, אן דעם אנגעוועהטאגטען פונקט פון די זאגענאנטע „קארפאריישאן" שאפקעס, און אויך דאס, וואס די גרויסע קלאוק שעפער פון ניו יארק ווערען אלץ קלענער, וואס די קלאוק מאנופעקטשורערס ווערען טיילווייז „דזשאבערס". ער גיט צו, אז דאס איז א געפאהר פאר'ן טרייד, און אז מען דארף צו דעם זוכען א רפואה.

וועל, דאס וואס מר. דזשאבלאוו זאגט וועגען דעם, האט די יוניאן געזאגט שוין לאנג צוריק, אבער די פיהרער פון דער פראטעקטיוו אסס'ן האבען דאס ניט געוואלט הערען. פארקעהרט, זיי האבען נאך געהאלפען פארשפרייטען די קארפאריישאן-שאפקעס, מיינענדיג דורך דעם צו שלאגען די יוניאן. איצט אפנים האבען זיי זיך ארומגעזעהן, אז זיי האבען מיט דעם געשלאגען זיך מעהר ווי די יוניאן, און לאמיר האפען אז זיי מיינען ערנסט איצטער וואס זיי זאגען וועגען דער פראגע.

עס בלייבט, אלזא, אפצואווארטען און זעהן, צי אין דער פראטעקטיוו אסס'ן האבען טאקע גענומען בלאזען נייע ווינטען, אדער דער סטייטמענט איז געווען אזא מין נייער פאליטישער צוג, צו רעדען וועגען „שלום" און מיינען קריג.

די האנדלונגען פון דער אסס'ן אין די נאהענטע צוקונפט וועט דאס קלאר באווייזען.

רעפּארט פון דער רייןקאָוט מייקערס יוניאן לאקאל 20

צו די צוויי־יעהריגע קאנווענשאן פון דער א. ה. ג. וו. י.

פון סעם פרידמאַן.

אונזער רעפּרעזענטיישאן צו דער קאנווענשאן פון פאר צוויי יאהרען.

אין א געדריקטע שטימונג זיינען אונ־
זערע דעלעגאַטען געקומען פאר צוויי
יאהרען צו דער קאנווענשאן פון דער אינ־
טערנעשאנאל אין שיקאגא. פון איין זייט
צוליב דעם וואס עס איז נאך געווען פריש
די וואונד פון דעם פרייס־אפּ וואס מען
האט דעמאלט געמאכט געגען דריי פון
אונזערע מעמבערס אין סטעטען־איילאנד
אין פאבריק פון דער פירמע זיגעל.

פון דער צווייטער זייט, צוליב אַן אי־
נערליכען טראַבעל וואס א געוויסע גרופּ־
פע האט פאראורזאכט באַנוצענדיג זיך
מיט דער שווערער לאגע פון דער ארגא־
ניזאציאן, צוליב די קאַרט פאַרפּאלגונגען
און פאַרהאַפטונגען וואס האבען זיך
א שאט געטאן אויף דער ארגאניזאציאן
אין יענער צייט, האט דיזע גרופּע וועג־
לענדיג דורך דעם אויפלעבען די אמאליגע
הפקרות און מיסטרויען מיט וועלכע אונ־
זער יוניאן איז ביז מיט דריי און א האלב
יאהר צוריק געווען דורכגעדרונגען.

מען קען מיט רעכט זאגען, אז דער
אנפאנג פון א פאראנטוואָרטליכע עהרענ־
האפטע און עהרליכע פאַרוואַלטונג ביי
אונז אין לאקאל, מיט דעם נויטיגען צו־
טרוי גלויבען און רעספּעקט פון דער מעמ־
בערשיפּ צו דער ארגאניזאציאן, האט זיך
אנגעהויבען מיט דעם אריינקומען פון
ברודער וועקסלער'ן אלס מענעדזשער אין
אונזער יוניאן.

די שטערער פון איינגקייט אין אונ־
זער לאקאל איז דאס, נאטירליך, זעהר
ניט געפעהלען געוואָרען און זיי האבען
געוואלט מאכען נייע שטערונגען און ווי־
דער אריינברענגען מיסטרויען אין דער
יוניאן. זיי האבען געמאכט אומבאגרינ־
דעטע באשולדיגונגען געגען די באאמטע
פון קאל און זאגאר געבראכט די פראגע
אויפ'ן פלאָר פון דער קאנווענשאן אין
שיקאגא. זייער מאטיוו האט זיך אבער
ארויסגעוויזען און זיי זיינען דורכגעפאַ־
לען מיט איהרע פאלשע קלאגעס.

אונזער ארגאניזאציאנ'ס ארבייט אין דער פּראָווינץ און דאס אנשטעלען פון א דזשענעראל ארגאנייזער פאר דער רייןקאָוט אינדוסטריע.

פאר די לעצטע עטליכע יאהר איז די
ארגאניזאציאנ'ס ארבייט וואס אונזער
לאקאל האט אנגעפיהרט אין די שטעדט־
לאך ארום ניו יארק געוואָרען זעהר א
וויכטיגער טייל פון דער אלגעמיינער אר־
בייט פון אונזער יוניאן. אלס קליינער
לאקאל מיט א באגרענעצטע צאהל שע־
פער אין ניו יארק, האבען מיר גלייך גע־
פיהלט די געפאהר און ווירקונג, וואס
יעדער ניט ארגאניזירטער שאפּ, אויסער
ניו יארק, האט אויף אונזער טרייד. עס
איז איבעריג צו ערקלערען, אז די שעפּער
וואס האבען עקזיסטירט ארום ניו יארק
האבען געהאט א דעמאראליזירענדע וויר־
קונג אויף אונזערע קאנדישאנס אין ניו
יארק. מיט א ניט־איבעריגע גרויסע
מעמבערשיפּ און באגרענעצטע טרעזשורי
האבען מיר זיך גענומען צו דעם זעהר
טייערען ארטיקעל, ווי ארגאניזאציאנס־
ארבייט אוט אף טאון.

בלויז די יעניגע וואס האבען זיך
ווען עס איז אבגעגעבען מיט דיזע סארט
ארבייט האבען א ריכטיגען באגריף וואס
עס מיינט ארגאניזירען שעפּער ארום ניו
יארק. דערצעהלען די פארשידענע שווע־
ריגקייטען און אומערמידליכע ארבייט און
געלד, מיט וואס אזא סארט אקטיוויטעט
איז פארבונדען איז דא איבעריג. עס
וועט ניט זיין אויף א האר איבערטריבען
צו זאגען, אז אונזער לאקאל איז כמעט
דער איינציגער אין ניו יארק וואס האט
באצייטענס פארשטאנען די וויכטיגקייט
פון דיזער ארבייט און האט מיט ערפאלג
דיזע ארגאניזאציאנס־ארבייט געטאן.

אונזער אקטיוויטעט אויף דיזען גע־
ביט האט ארומגענומען א גאנץ בארייטע־
רע טעריטאריע: אויף דער קאנעקטיקוט
ליין, מאנט־ווערנאן, פארטשעסטער,
סטעמפארד, סוית־נארפאלק, ברידזש־
פארט און הארטפארד. אין ניו דזשוירזי,
יוניאן־היל, וועסט־ניו יארק, מאטעוואן,
אסבורי פארק, אין לאנג ברענטש, אין ניו
יארק, אין לאנג איילאנד, פאנקיפסי, בייר־
שאר, נארטפּארט, סטעטען איילאנד א.
ז. וו.

אונזער לאקאל האט אויך גאנץ שטארק
זיך אנגעפאנגען צו אינטערעסירען מיט
ארגאניזירען די רייןקאוט שעפּער אין
דער מידל־וועסט און אין מאסאטשוזעטס
סטייט, ווייל די קלענליכע קאנדישאנס
אין דער מידל וועסט האט אנגעפאנגען
צו האבען די שעדליכע ווירקונג אויף דער
איסט, און ביים לעצטען קאנווענשאן פון
אונזער אינטערנעשאנאל אין שיקאגא,
האט אונזער פאראייניגטע רייןקאוט מיי־
קערס דעלעגיישאן, (ביים לעצטען קאנ־
ווענשאן אין שיקאגא איז דער רייןקאוט
טרייד געווען פארטראטען דורך 17 דע־
לעגאטען פון 7 פארשידענע לאקאלס.)
ארייננעבראכט א רעזאלושאן, אויפפאָדע־
רענדיג דעם נייעם דזשענעראל עקזעקו־
טיוו באארד גלייך אנצושטעלען ארגא־
נייזערס צו העלפען ארגאניזירען די ריינ־
קאוט אינדוסטריע.

גלייך נאכ'ן קאנווענשאן האט דער
דזשענעראל אפיס אויף אונזער רעקאָ־
מענדיישאן אנגעשטעלט ברודער ארטור
סעמיועלס, צו העלפען ארגאניזירען די
רייןקאוט מייקער איבער'ן לאנד. ברודער
סעמיועלס האט אין די אינטערעסען פון
די רייןקאוט מייקערס באזוכט א צענדליג
שטעדט אין דער מידל־וועסט און אויך א
צאהל שטעדט אין מאסאטשוזעטס. אבער
צוליב דער שווערער און געדריקטער אל־
געמיינער לאגע איבער'ן לאנד און די בא־
וועגונג פאר „אפען שאפּ", וואס די
שונאים פון ארבייטער קלאס האבען אנ־
געפיהרט ווייט און ברייט איבער'ן גאנ־
צען לאנד און וועלכע האט כמעט גע־
מאכט ווי אונמעגליך יעדער סארט פון
ארגאניזאציאנס ארבייט, אין די קלענע־
רע שטעדט און שטעטלאך, וואו דער
טרייד יוניאן געדאנק איז כמעט ווי פרעמד
איז דער סארט ארבייט נאך געווען פיל
שווערער.

דאך איז עס פאר דער קורצער צייט
ברודער סעמיועלס'ן געלונגען צו ארגאני־
זירען א געמישטען לאקאל פון ליידיס־
גארמענט ארבייטער אין מילוואקי און
טאן ארגאניזאציאנס ארבייט אין אנדע־
רע שטעטלאך, אבער איידער די ארבייט
האט זיך געקענט באפעסטיגען, איז ברו־
דער סעמיועלס צוריקגערופען געוואָרען
צו העלפען די ליידיס ווייסט מייקערס
אין באלטימאר, די קלאוק מייקערס אין
סקרענטאן א. ז. וו. און די רייןקאוט
מייקערס זיינען ווידער געבליבען אן אן
ארגאנייזער.

עס דארף אויך געזאגט ווערען, אז
ברודער סעמיועלס האט זיך ארויסגעצייגט
אלס פעהיגער ארגאנייזער. עס איז נאר
א שאד וואס די אינטערנעשאנאל האט
צוליב די אויבענגעדערמאנטע אורזאכען און
אויך אנדערע אורזאכען, אויפגעגעבען
דיזען דעפּארטמענט און דערמיט איז אפּ־
געשטעלט געוואָרען איינער פון די וויכ־
טיגסטע ארבייטען פאר דער גאנצער אינ־
טערנאציאנאל. מיר האפען אבער, אז
די דעלעגאטען צו דער 16טער קאנווענשאן
אין קליוולאנד וועלען דיזע פראגע זייער
פיעל אויפמערקזאמקייט שענקען און
וועלען געפינען די ריכטיגע וועגען און
שאפען די נויטיגע מיטלען פארטצוזעצען
דיזע גרויסע ארבייט, וועלכע איז א לע־
בענס־נויטווענדיגקייט פאר פיעלע ברענ־
שעס פון אונזער טרייד איבער'ן גאנצען
לאנד.

דאס באנייען פון אונזערע אגרימענטס אין 1920 און אין 1921.

אין אונזער טרייד עקזיסטירט היינט
צו טאג, אן אינדיווידועלער אגרימענט
צווישען דער יוניאן און די דזשאבבערס,
מאנופעקטשורערס און קאנטראקטארס
פון דיזער אינדוסטריע, וועלכע ווערט
יעדען יאהר באנייט פאר איין יאהר צייט.

ביז דעם ערשטען אויגוסט 1921 הא־
בען מיר געהאט אין אונזער טרייד א
קאלעקטיווען אגרימענט מיט דער ריינ־
קאוט קאנטראקטארס אססאסיאיישאן".
אבער זינט דאן עקזיסטירט ניט אין
אונזער טרייד קיין קאלעקטיווער אגרי־
מענט, די אלע מעמבערס פון דער קאנ־
טראקטארס אסס'ן האבען באזונדער גע־
סעטעלט מיט דער יוניאן.

אונזער יעצטיגער אגרימענט אין
טרייד איז כמעט דער זעלבער ווי דער
אגרימענט וואס עקזיסטירט אין קלאוק
טרייד אין ניו יארק, מיט דער אויסנאם,
פון א קליינער ענדערונג אין די מינימום
סקיילס און לעגאל האלידייס.

אין באצוג צו ליגעל האלידייס, האבען
מיר אין דעם ערשטען יאהר פון אונזער
אגרימענט אונטער דעם וואך־ארבייט סי־
סטעם, געהאט דעם „פעיד־דייס" פונקט
אין באצוג די 6 און א האלב ליגעל הא־
לידייס, וואס דאס מיינט, אז אויב מען
ארבייט די וואך פון דער ליגעל האלידיי
א פולע וואך איז מען בארעכטיגט צו
קריגען באצאהלט פאר א פולען טאג און
אויב מען ארבייט די וואך פון דער לי־
גאל האלידיי ווייניגער דאן דארף מען
קריגען באצאהלט ניט פאר א פולען טאג.
האבען אונזערע באלעבאטים אזוי „גע־
מענעדזשט", אז עס זאל אויספאלען די
ארבייטער באקום, — זיי פלעגען פארמא־
כען די שעפּער פאר דער וואך צייט וואס
איז אויסגעפאלען א יום־טוב און אזוי
נאך זיך אויסגעדרעהט פון באצאהלען
די ארבייטער פאר דעם לעגאל האלידיי.

אט דיזע האנדלונג האט אזוי דער־
צארענט די ארבייטער, אז דעם 12טען
דזשולי 1920, איז א מיטינג פון שאפּ־
טשערמען און מיט אייניגע טען שעפּ־
טער, דעם 15טען דזשולי א גרויסער
מעמבער־מיטינג איז באשלאסען געוואָרען
אז דער פונקט וועגען די לעגאל האלידייס
מוז אין אונזער אגרימענט געענדערט
ווערען, אז די ארבייטער פון אונזער
טרייד זאלען קריגען באצאהלט פאר די
6 און א האלב לעגאל האלידייס אונטער
אלע אומשטענדען.

ענדע דזשולי 1920 איז דיזע מאדי־
פיצירונג פון דעם אגרימענט ארויסגע־
שיקט געוואָרען צו אונזערע באלעבאטים.
מאנכע האבען שטארק געקווינקלעט, עס
האט אין אנפאנג זיך אויסגעזאגט, אז עס
וועלען דארפען גערופען ווערען א רייהע
פון שאפּ־סטרייקס אין דעם גאנצען טרייד
אום צו צווינגען אונזערע באלעבאטים
צו באנייען דעם אגרימענט. אויך די
קאנטראקטארס אסס'ן האט זיך שטארק
געקווינקלעט, אבער נאך אייניגע קאנ־
פערענצען מיט די קאנטראקטארס איז
דער אגרימענט באנייט געוואָרען. דאן
האבען די דזשאבבערס און די אינדיווידו־
עלע מאנופעקטשורערס געמוזט טאן דאס
זעלבע, און ארום דעם 15טען אויגוסט
1920 איז שוין דער אגרימענט געווען בא־
נייט אין גאנצען טרייד.

א ביסעלע אנדערש איז עס געווען
ביים באנייען דעם אגרימענט אין
אויגוסט 1921. דאן האבען זיך א טייל
פון אונזערע באלעבאטים גאנץ נישקשה־
דיג צוגעריכטעט. מאנכע פון זיי האבען
פארשלאסען זייערע שעפּער און געמאכט
א לאק־אוט געגען אונזערע ארבייטער
עטליכע הונדערט אין צאהל, פארלאנגענ־
דיג אן אלגעמיינעם רעדוקשאן אין ווייד־
זשעס און די גאנצע אפּשאפונג פון די
ליגאל האלידייס...

די יוניאן האט זיך ניט דערשראקען,
קיינער האט זיך ניט פארלארען. מיר
האבען גלייך געענטפערט מיט א סטרייק
אין די אלע שעפּער. די עקזעקוטיוו
באארד האט גלייך ערוועהלט א ספּעציע־
לע קאמיטע „אן אימידיאייט עקשאן",
אויפצופאסען אויף דער גאנצער סיטוא־
ציע אין טרייד. דער טשערמאן פון דער
קאמיטע איז געווען אונזער געוועזענער
מענעדזשער, ברודער וועקסלער. די מעמ־
בערס אין דער קאמיטע זיינען געווען:
סעמיועל פרידמאן דער סעק.־טרעז., היי־
מאן גארדאן, סיימאן ראבינסאן, דוד גינ־
זאלד, מאריס גאזיוצקי און סיימאן ריטש.

די מאנופעקטשורערס האבען זיך
שנעל איבערצייגט אז מיט פייטען דער
יוניאן וועט מען קיין רייןקאוטס ניט קע־
נען אויפמאכען. דער פארזוך צו מאכען
ארבייט אויסער ניו יארק האט זיך זיי
ניט איינגעגעבען, און נאך א סטרייק פון
עטליכע וואכען זיינען די מאנופעקטשו־
רערס געווען געצוואונגען צו באנייען דעם
אגרימענט אויף די זעלבע באדינגונגען,
מיט א קליינער ענדערונג וועגען די לי־
גאל האלידייס. די קאנטראקטארס הא־
בען שוין דעם מאל שוין ניט געסעטעלט
מיט דער יוניאן אלס „באדי" — איינ־
ציגווייז זיינען זיי געווען געצוואונגען
צו קומען און באנייען דעם אגרימענט.
דורך דיזען סעטעלמענט, איז אונזער אג־
רימענט באנייעט געוואָרען ביז דעם קו־
מענדיגען אויגוסט, 1922.

דער באשלוס צו שאפען א 20 טויזענד דאלאר פארטיידיגונג־פאנד

גלייך נאך דעם סעטעלמענט אין
אויגוסט 1921 האט אונזער עקזעקוטיוו
באארד באשלאסען, אז א פארטיידיגונגס־
פאנד פון 20 טויזענד דאלאר, דורך א
20 דאלארדיגען אססעסמענט, דארף גע־
שאפען ווערען, אום אונזער לאקאל זאל
קענען צוריקשלאגען יעדע מעגליכע אטא־
קע אויף אונזער יוניאן. פאר דעם צוועק
איז גערופען געוואָרען א ספּעשעל מעמ־
בער מיטינג אויף דעם 25טען אויגוסט,
ביי וועלכען דיזע פראגע איז דיסקוטירט
און אויך באשלאסען געוואָרען.

די אנטשלאסענהייט פון אונזערע
מעמבערס ביי דיזען מיטינג אויפצוהאל־
טען די יוניאן אום יעדען פרייז, איז וויר־
קליך געווען צו באוואונדערען. יענער
מיטינג וועט פארבלייבען אין יעדענ'ס
זכרון. אונזערע מעמבערס האבען ארויס־
געצייגט אז זיי האבען געלערנט פון דער
פארגאנגענהייט, און זיי זיינען אנטשלא־
סען צו פארזיכערען די עקזיסטענץ פון
זייער ארגאניזאציאן. און אויב אז
אַססעסמענט איז נויטיג, זיינען זיי גרייט
צו צאהלען, און צאהלען שנעל. דער
באשלוס איז געווען, אז אין פאריוד פון
4 וואכען זאל דער אססעסמענט איינגע־
צאהלט ווערען. די יעניגע מעמבערס
וואס האבען געארבייט האבען דעם בא־
שלוס א הונדערט פראצענט אויסגעפירט.

ווען מען נעהמט אין אנבאטראכט,
אז זינט דעם 1טען יאנואר, 1921, איז די
דיוס אין אונזער לאקאל געווען 40 סענט
א וואך, איז דיזער באשלוס פון אונזערע
מיטגלידער — טראָץ דער גרויסער סלעק
וואס האט עקזיסטירט אין טרייד ספּע־
ציעל פאר די מיסטערס — איינער פון
די שענסטע! דיזער באשלוס האט גע־
צייגט, אז די מעמבערס פון אונזער לא־
קאל פיהלען און באגרייפען די גרויסע
אויפטואונגען און גרויסע ווערט וואס די
יוניאן האט פאר זייער טאג־טעגליכען
קאמף פאר די פארבעסערונגען פון זיי־
ערע באדינגונגען אין די שעפּער.

אונזערע סטרייקס אין ניו יארק און אויף דער פּראָווינץ.

צווישען די צאהל סטרייקס וואס אונ־
זער לאקאל האט אנגעפיהרט אין ניו
יארק און אויף דער פּראָווינץ, איז ווערט
צו פארצייכענען אייניגע, די מעהר וויכ־
טיגע. די אלע סטרייקס און קעמפע וואס
דער לאקאל האט אנגעפיהרט זיינען געווען
מעהרסטענס קעמפע צו פארטיידיגען און
אויפהאלטען די באדינגונגען, וועלכע מיר
האבען ערוואָרבען פאר די לעצטע יאהרען.

ביי דער ראזענפעלד רייןקאוט פירמע
פון מאנט־ווערנאן האט אונזער לאקאל
אנגעפיהרט א פארביסענעם סטרייק וואס
האט אנגעהאלטען א משך פון 11 מאנא־
טען צייט.

דיזע פירמע, וועלכע האט זיך ביי
פארשידענע געלעגענהייטען פארמאסטען
געגען אונזער לאקאל און האט תמיד גע־
זוכט צו פארניכטען די יוניאן, — איז
ענדליך אנטלאפען קיין מאנט־ווערנאן.
אבער די יוניאן האט אויך געטראפען אין
מאנט־ווערנאן. און ראזענפעלדער שאפּ
איז געוואָרען א יוניאן־שאפּ.

אין דעצעמבער 1920 האט זיך דער
פירמע פארוואלט ארונטערצושניידען די
ווייזשעס פון זייערע ארבייטער, ארום
50 אין צאהל. די יוניאן האט דאס נא־
טירליך ניט דערלאזען. האט די פירמע
געמאכט א לאק־אוט און אויסגעשלאסען
די ארבייטער פון דעם מאנט־ווערנאן
שאפּ.

אונזער לאקאל האט גלייך ערקלערט
א סטרייק געגען דער פירמע. געקריפּעלט
איהר נייעם שאפּ אין די בראנקס. דאס
ער האט זיך גלייך געמוזט פארמאכען און
אויך אנגעפאנגען אקטיווע פּיקעטינג אין
מאנט־ווערנאן.

די פירמע האט זיך אין קאמף געגען
אונזער לאקאל באנוצט מיט די ערגסטע
מיטלען און מעטאָדען, אבער עס האט
איהר ניט געהאלפען.

די סטרייקערס פון דיזען שאפּ, מעהר־
סטענס איטאליענער, האבען זיך אויסגע־
צייכענט מיט זייער איבערגעבענהייט צו
דער יוניאן. איינער פון זיי האט זיך ניט
אפּגערופען דורך דער צייט פון סטרייק
צו פאַרראַטען זיינע מיט־סטרייקער. א
נאך באזונדער קרעדיט קומט דעם גע־
וועזענעם שאפּ־טשערמאן, ברודער פּאשי'ן,
וועלכער איז ניט נאר געווען א גוטער
טשערמאן נאר אויך אן אויסגעצייכענטער
סטרייקער.

דיזער סטרייק האט יענע פירמע ענד־
ליך געלערענט דעם ריכטיגען לעסאן. די
פירמע איז איינפאך רואינירט געוואָרען
פון דעם לאנג־פארצויגענעם סטרייק.

(שלום קומט).

פּרעזענטירען דעם שאפּ־טשערמאַן.

מיר, די ארבייטער פון קאפּלאן בראס.
ריפער שאפּ, פון 1333 בראדוויי, ביי א
שאפּ מיטינג פארזאמעלט, האבען פאל־
גענדעס באשלאסען:

1. צו פּרעזענטירען אונזער פעהיגען און באליבטען שאפּ טשערמאן, ברודער אב. בעלסאן, פאר זיין טרייהייט און איי־בערגעבענהייט צו די אינטערעסען פון די ארבייטער פון שאפּ, מיט 200 דאלער אלס א קאנווענשאן פּרעזענט.
2. צו פּרעזענטירען מיט א זילבער־סעט שוועסטער עטהעלפריעד צו איהר האכציים, און
3. צו שטיצען א קראנקען ברודער מיט 100 דאלער.

דזש. וויינשטיין,
אייב יאשינאווסקי,
קאמיטע.

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President — S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. — ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IV. No. 18. — New York, Friday May 5, 1922.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

טרייד און ארגאניזאציאנס פראגען

אן ערקלערונג פון עקז. באארד פון לאקאל 52, א. ל. ג. וו. י.

ביי א ספעשעל מיטינג פון עקזעקוטיוו באארד לאקאל 52, לאס אנדזשעלעס, איז פארהאנדעלט געווארען די פראגע, אויב מיר זיינען באגאנגען א „פארברעכען" צו רופען אונזערע מעמבערס צו א ספעשעל מיטינג און ערקלערען זיי, אז די אינטערנעשאנאל האט אונז איגנארירט אין לעצטען דזשענעראל סטרייק, אין דער צייט ווען מיר האבען געפאלגט דעם פארלאנג, אז מיר זאלען סעטלען מיט דער אסאסיאיישאן אויף די אלטע קאנדיציאנען.

נאכ'ן מיטינג זיינען פארבליבען א 150 סטרייקענדע מעמבערס פון ניט יוניאן שעפער, מיר האבען זיך געווענדעט נאך הילף צו דער אינטערנעשאנאל און זי האט ניט געענטפערט. אונזער מענעדזשער, ברודער לענטש, האט עטליכע מאל געשריבען די גאנצע לאגע פון אונזער לאקאל, אבער עס האט גאר נישט געהאלפען.

אפסטרייקענדיג 10 לאנגע וואכען אויף אונזערע אייגענע כחות, מיט א טעקס פון 25 פראצענט אויף אונזערע מעמבערס, זיינען מיר געווען געצוואונגען אויפצוגעבען דעם סטרייק. עס איז געפאלען שווער פאר די מעמבערס צו צאהלען דעם טעקס.

דא אין לאס אנדזשעלעס איז די לעצטע עטליכע יאהר די קלאוק אינדוסטריע געוואקסען. די קלאוקס ווערען געמאכט אין דרעס שעפער, געוועהנליך, פאר א קליינעם פרייז, ווייל די נידעל אינדוסטריע איז דא ניט ארגאניזירט, און טאן עפעס פאר אונזער לאקאל אליין איז פינאנציעל שווער. די אינטערנעשאנאל האט אפילו געשיקט איין מאל אן ארגאניזער און נאכער א צווייטען, אבער זי האט זיי באלד צוריק גערופען. עס קען זיין, אז דער הויפט אפיס האט זיי געדארפט האבען, אבער דערווייל זיינען מיר געבליבען ווי געווען און די נידעל אינדוסטריע אויפ'ן פאסיפיק קאוסט איז פארבליבען ניט ארגאניזירט.

יעצט געפינען מיר אין דער „גערעכטיגקייט" אן ענטפער צו א מעמבער אונזערען, וואס טאדעלט דעם לעצטען פאר דריקען א ליפלעט רופענדיג די מעמבערס צו א מיטינג צו באטראכטען וואס מיר זאלען טאן, אז די אינטערנעשאנאל זאל ארגאניזירען דעם פאסיפיק קאוסט, די גאנצע נידעל אינדוסטריע בכלל און אונזער לאקאל בפרט, און מיר ווייסען ניט פון וואנען ווייס דער רעדאקטאר, אז מיר האבען ניט קיינע קליימס צום הויפט-אפיס. מיר האבען געשיקט איין לעטער צו דער דזשענעראל עקזעקוטיוו באארד וואו מיר האבען געקליימט, אז דער אפיס האט פארנאכלעסיגט די ארבייט אויפ'ן פאסיפיק קאוסט.

מיר, צוזאמען מיט די ליידיס ווייסט און דרעסמאכער שיקען צו דער קאנווענשאן ברודער לענטשען און ער וועט די זאך דארטען פארברענגען אונזער עלעמענט גוטען ווילען, אז די נאדעל אינדוסטריע אין קאליפארניא זאל זיין ארגאניזירט ווייל די לעצטע עטליכע יאהר האט זיך די נאדעל אינדוסטריע ענטוויקעלט אויף א גרויסען מאסשטאב. עס זיינען דא פאראן ליידיס ווייסט, דרעס מייקערס און קלאוקמאכער ביי 15,000 אין צאהל. מיר האבען ניט גערופען קיינע מיטינגס געגען דער אינטערנעשאנאל. און דער רעדאקטאר, ניט וויסענדיג אונזערע אינערליכע אנגעלעגענהייטען, האט ניט געהאט קיין רעכט אנצוגרייפען ברודער לענטשען, ווייל ברודער לענטש ארבייט ערנסט און געטריי פאר אונזער יוניאן.

מיט ברודערליכען גרוס,
די עקזעקוטיוו באארד, לאקאל 52, קלאוקמאכער יוניאן פון לאס אנדזשעלעס.

אנמערקונג: — אונטער די ערקלעהרונג זיינען געווען אונטערשריבען די נעמען פון אלע עקזעקוטיוו באארד מעמבערס.

ער ליבט דעם רעדאקטאר'ס צוויי ארטיקלען וועגען „פארווערטס".

ווערטהער מר. יאנאווסקי: —

אין פלוג דוכט זיך מיר אויס: צו וואס שרייבען א בריף? אבער איך קען זיך ניט צוריקהאלטען פון נעמען די פעדער אין האנט אויסצודריקען מיינע געפיהלען אויפ'ן פאפיר, — דאס וואס איך האב געפיהלט און געדענקט פאר די לעצטע עטליכע טעג. נעמליך, זינט איך האב געלעזען אייער גאר'רענעם ארטיקעל פון פאר לעצטער וואך אין דער „גערעכטיגקייט" וועגען דעם „פארווערטס" יום-טוב, און אויך אייער באגריסונג אין זונטאגדיגען, יובילעאום נומער „פארווערטס".

עס איז איבעריג פאר מיר אייך צו זאגען, אז איך בין א פארעהרער פון אייער בריליאנטענער לאגיק, און שארפער פעדער. נאר זאגען אייך דארף איך יא, אז וואס שייך דעם „פארווערטס" האב איך זיך ניט געקוויקט מיט אלעם וואס דארט איז געדרוקט געווארען ביז איצט.

מיין שטעלונג און ליבע צום „פארווערטס" איז אימער געווען — אלא — ויחד יתרו... עפעס האט זיך אין מיינע געדאנקען געפלאנטערט, און האב ניט געקענט זיך אליין געבען אן ערקלערונג.

אבער אייערע צוויי הארציגע ארטיקלען מכח דעם „פארווערטס" האט מיר אלעס ערקלעהרט, און קלאר געמאכט. איך האב צוטרויען צו אייערע מיינונגען און אייער יעדעס ווארט.

איך ווינש אייך טייערער מר. יאנאווסקי א געזונד און לאנג לעבען, מיט גרוים ליכטונג.

אייער אומבאקאנטער פארעהרער און לעזער, יעקב גאטליב.

אן עפענטליכער דאנק פון עקז. באארד לאקאל 11.

ווערטער רעדאקטאר פון די „גערעכטיגקייט".

ביים לעצטען מיטינג פון דער עקזעקוטיוו באארד פון לאקאל 11, דאנערשטאג אבענד, אפריל דעם 26טען 1922, אויסהערענדיג דעם באריכט פון דער קאמיטע, וועלכע האט דורכגעפיהרט די טעאטער אונטערנעהמונג פאר דער אלמנה פון אונזער פארשטארבענעם אקטיווען ברודער דזש. ראזאנסקי, וואו זיי האבען באריכטעט, אז זיי האבען געשאפען די סומע פון 500 דאלאר, איז באשלאסען געווארען אין נאמען פון דער אלמנה און פון דער עקז. באארד, אויסדריקען א דאנק און אנערקענונג פאר דער גוטער ארבייט פון דער קאמיטע. עס ווערט אויך באזונדער צו באדאנקען די ברידער כ. ביקאווסקי, ש. גאלדבערג, ריבאוויץ, ה. סמיט, יאפע, וויינטרויב, הארמאן און ברויטבארב.

מיט ברודערגרוס,
עקז. באארד לאק. 11,
ה. טשענסער, סעק.

א סעריע לעקטשורס פאר אונזערע מיטגלידער אין פילאדעלפיא.

ווערטהער פריינד רעדאקטאר: —

די עדיוקיישאנאל קאמיטע פון דער קלאוקמאכער יוניאן פון פילאדעלפיע האט ארראנזשירט א סעריע לעקטשורס פאר די מעמבערס פון דער יוניאן. האצוועקענדיג הויפטזאכליך צו אנטוויקלען די ארבייטער אינטעלעקטשואל, קלאר מאכען פאר די מעמבערס פארשידענע טרייד יוניאן.

די עדיוקיישאנאל קאמיטע האפט, אז די סעריע לעקטשורס וועלען גוט אטענדעט ווערען. די ערשטע לעקציע וועט שטאטפינדען דאנערשטאג אווענט, מאי דעם פערטען, אין 232 נ. 9טע סטריט.

מ. פאלסקע, טשערמאן,
מ. עטינגער, סעק.

דער קאנצערט

(הומארעסקע)

פון לעאן קוסמאן.

דאקטאר בורינסקי, א מענש א גרויסער כלל-טוער און נאך מיט א גרעסערער פראקטיק, איז געוואוינט געווען יעדען אין דער פריה אין זיין קאבינעט צו עפענען די פאסט און צו טרעפען עטליכע בריף, וואס האבען א שייכות צו כלל-טועריי.

אמת, ער האט שטענדיג געפונען פאר זיין חוב זיך אפצורופען אויף יעדען בריף, אנטקעגען קומען יעדער ביטע, וואס האט געהאט צו טאן מיט כלל-ארבייט. און אויב דער רוב פון זיי זיינען דאך געבליבען ניט באענטפערט, איז עס ניט געווען אוים שלעכטסקייט, חס וחלילה, נאר אוים פשוט'ער איבערמידקייט און איבערפלוס פון גוטהערציגקייט.

אזוי, אלענפאלס, האט דר. בורינסקי ערקלעהרט, ווען מען האט אמאל צו איהם א טענה געהאט.

אריינקומענדיג איינמאל אין זיין קאבינעט און זיך נעמענדיג ווי געוועהנליך צו דער פאסט, האט דר. בורינסקי דר-היג און געלעזען געעפענט און דורכגעבליקט יעדען בריף, ארויסגעבלאזען דא און דארט א זיפץ, א צייכען אויף מיטגעפיהל צו א הילפלאזען, וואס ווענדעט זיך צו איהם נאך הילף, און מיט דער ערנסטער אבזיכט די מענשען טאקע צו העלפען האט ער די בריף אוועקגעלייגט אין א זייט, ניט שפירענדיג בעת מעשה אפשר אליין, אז ער לעגט זיך אוועק אין אזא פלאץ, פון וואנען די דינסט ראמט זיי דערנאך אפ און ווארפט זיי ארוים מיט די מיסט...

ביי איין בריף איז ער שטעהן געבליבען און זיך פארטראכט. דער אינהאלט איז געווען ניט אזא כלל-טועריישער, נאר פון א מעהר פריוואטען כאראקטער. ס'האט זיך געהאנדעלט וועגען א מוזיקאלישען קאנצערט פון א יונגען אידישען קינסטלער בערנארד דיראנגעלי. דער קאנצערט האט באדארפט פארקומען מיט עטליכע טעג שפעטער אין איינעם פון די מוזיקאלישע זאלען פון ניו יארק. עס איז געווען דער ערשטער אויפטריט פון יונגען קינסטלער, וועלכער האט געענדיגט צוויי קאנסערוואטאריומס אין אייראפא. אזוי האט געלויטעט דער בריף פון מאדאם לוגאנעוו, א מיטעל-יעהריגע גרושה און דעם דאקטאר'ס אן אלטע גוטע באקאנטע. זי האט איהם אויך ביינעלעגט גראטיס צוויי בילעטען פאר דעם קאנצערט און דערביי געבעטען, ער זאל אונבאדינגט קומען, ווארום די פלעצער מוזען זיין באזעצט, אום צו מאכען ערפאלג דעם ערשטען ארויסטריט פון דעם יונגען אידישען קינסטלער. ער, דאקטאר בורינסקי, אלס אידישער כלל טוער, איז געווים פארפליכטעט מיטצוהעלפען. זי האפט, אז ער וועט עס געווים טאן צוליב זייער אלטער פריינדשאפט. זי נעהמט אנטייל אין ארראנזשירען דעם קאנצערט און זי האט פארשפראכען איהם צו מאכען ערפאלגרייך. זי האפט זיך מיט איהם צו טרעפען אויפ'ן קאנצערט...

דאס לעצטע האט דעם דאקטאר בורינסקי ניט איבעריגס געפרעהט. ווי ער איז ניט קיין מוזיקאלישער ליבהאבער, נים שטארק באגייסטערט פון קאנצערטען, בפרט נאך פון קינסטלער, וואס האבען זיך ערשט ארויסגעבאקען פון אייראפא, וואלט ער נאך ווי נים איז דעם קאנצערט געקאנט אריבערטראגען. אבער די אנוועזענהייט פון זיין אמאליגער פריינדין לוגאנעוו איז איהם שוין לאנג געווען אונערטרעגליך. זייט א פאר יאהר האט ער זי אויסגעמידען, ווי א פרומער איד מיידעט אויס פארבייצוגעהן א תפלה... און דא פלוצלונג געטראפן זיך מיט איהר אויף א קאנצערט!

בורינסקי איז געבליבען זיצען א רעכטע ווילע אין א געדריקטער שטימונג, נאר באלד איז ער געפאלען אויף א גליקליכען געדאנק. ער האט צוערשט אנגעשריבען א בריוועל צו מאדאם לוגאנעוו, איהר געדאנקט פאר די בילעטען און פארשפראכען צו זיין אונבאדינגט אנוועזענד אויפ'ן קאנצערט. אין פאל אבער, ווען א וויכטיגער כלל'שער ענין וועט אין לעצטען מאמענט איהם פארריקהאלטען, וועט ער שיקען א שטעלפארטרעטער. זיינע צוויי פלעצער וועלען שוין זיין באזעצט, ער פארזיכערט איהר.

דערנאך האט דער דאקטאר אנגעשריבען א צווייטען בריף צו זיינעם אן אלטען גוטען-פריינד, דעם לאיער יודעלסאן. ווען ער האט אמאל גערן איבערגעגעבען זיין פריינדשאפט מיט דער מאדאם לוגאנעוו. ער האט געשריבען אין בריף, אז ער שיקט איהם צוויי בילעטען אויף א קאנצערט. ער האט פאר זיי באצאהלט פינף דאלאר, נאר ליידער קען ער צום קאנצערט ניט געהן, ווייל אין יענעם טאג האט ער זעהר א וויכטיגע זיצונג איבער א כלל זאך. דער קאנצערט פארשפרעכט צו זיין זעהר אן אינטערעסאנטער, ווייל דער יונגער מוזיקאלישער שטערן בערנארד דיראנגעלי האט געענדיגט אין אייראפא פיר קאנסערוואטאריומס, געשפילט אין א קייזערליכען הויף און ביי אייניגע גראפען און פירסטען. ער האפט, אלזא, אז זיין פריינד יודעלסאן וועט אזא וויכטיגען קאנצערט נים פארביילאזען און זיין דארטען מיט זיין פרוי, וואו פילע פון זייערע פריינד און באקאנטע וועלען זיך טרעפען.

ווען דר. בורינסקי האט געענדיגט דעם בריף, האט ער לייכטער אויפגעאטעמט. ער האט אנגעקלונגען און געגעבען דער דינסט דעם בריף באלד אפצושיקען.

עס זיינען אוועק עטליכע טעג און דאקטאר בורינסקי האט אין גאנצען פארגעסען אן דעם קאנצערט. פלוצלונג, אין א נאכמיטאג, באקומט ער א ספעשעל דעליווערי פון זיינעם א ווייטען באקאנטען מר. בארודין, אן אנגעזעהענע פיגור אין דער פאליטישער וועלט. ער עפענט דעם בריף און גלויבט נים זיינע אויגען: צוויי בילעטען צו דעם קאנצערט פון בערנארד דיראנגעלי!... ער קוקט זיך צו און וואלט שווערען, אז דאס זיינען די זעלבע נומערען, די זעלבע צוויי בילעטען, וואס ער האט באקומען פון מאדאם לוגאנעוו און זיי אוועקגעשיקט צו לאיער יודעלסאן... דער בריף פון בארודין האט געלויטעט, אז דער קאנצערט פארשפרעכט צו זיין אן אויסערגעוועהנליך אינטערעסאנטער, ווייל דער נייער מוזיקאלישער שטערן בערנארד דיראנגעלי האט געענדיגט אין אייראפא זעכצעהן קאנסערוואטאריומס, געשפילט אין אכט קעניגליכע הויפען און עס קלינגט מיט איהם ניט נאר אייראפא, נאר אויך גאנץ אזיען... ער, בארודין, צווייפעלט גאר נים, אז דר. בורינסקי וועט דעם קאנצערט באזוכען. ער פרעזענטירט איהם זיין אלטען פריינד, מיט צוויי בילעטען, פאר וועלכע ער האט באצאהלט א גוטען פרייז, ווארים ער ווייס דאך, מען דארף ארויסהעלפען... ער איז פאראינטערעסירט אין דעם ערפאלג פון דעם קאנצערט. זיינע א באקאנטע דאמע לוגאנעוו האט געהאלפען דעם קאנצערט ארראנזשירען, און מען דארף ארויסהעלפען...

דעם אריכען דאקטאר האט באנאסען א טויטשווייס. ער איז געשטאנען ווי א סטאטוע מיט די צוויי בילעטען אין די הענד און פון ארט זיך ניט גערוהרט... געהן צום קאנצערט און זיך טרעפען מיט דער לוגאנעוו!... עס איז איהם קודם געווארען דער אטעם. וואס טוט מען? די פלעצער מוזען דאך זיין באזעצט... וועמען שיקט מען?..

א שטראהל פרייד האט פלוצלונג באגאסען זיין געזיכט. ער האט שנעל אנגעקלונגען און געהייסען איהם אריינשיקען דעם שאופער.

ווען דער שאופער האט די טיר געעפענט, האט דער דאקטאר צו איהם אזוי געזאגט:

„הער, דזשעק, אויב דו ווילסט היינט אויסגעהן מיט דיין מיידעל, דאן האב איך פאר דיר צוויי בילעטען אויף א קאנצערט... שרעק זיך נים. דו באקומסט צוויי דאלאר פאר יעדער שטונדע, וואס דו וועסט דארטען בלייבען זיצען... דו הערסט?"

„איז דאס א הארטער דזשאב?" — האט דזשעק זיך א ביסעל דערשראקען.

„א הארטער... זעהר א הארטער.." האט דער דאקטאר געמורמעלט. „נא, אט האסטו די בילעטען און פינף דאלאר אין פאראוים. אויב ס'וועט דיר נאך ארויסקומען, וועסטו מיר זאגען..."

ווען דזשעק איז צוריקגעקומען פונ'ם קאנצערט און געמאנט ביים באס נאך א דאלאר לוים זיין חשבון, האט ער איהם דערצעהלט, אז ער האט אויפ'ן קאנצערט געטראפען אזוי פיל שאופערס, דאס זיי האבען געוואלט אין קאנצערט זאל אפהאלטען א דזשענעראל מיטינג פון דער שאופער יוניאן..

צוויי מיטינגען פון עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22

א זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דער דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען מאנטאג אווענט, אפריל דעם 17טען, 1922 אונ־טער דעם פארזיץ פון ברודער דזש. האפמאן.

דער סעקרעטאר האט געצויגען די אויפמערקזאמקייט פונ'ם עקזעקוטיוו באארד צו א צושריפט, וואס ער האט באקומען פון דער קרערענישער קאמיטע פון דער אינטערנעשאנאל, און עס איז וועגען דעם געהאנדעלט געווארען.

נאכהער איז אנגענומען געווארען א באשלוס, אז דאנערשטאג, אפריל דעם 27טען, זאל אפגעהאלטען ווערען א גע־נעראל מעמבערס־מיטינג ספעציעל פאר'ן צוועק אויפצונעהמען פראגען, וואס האבען צו טאן מיט דער קאנווענשאן.

ברודער שעהנהאלץ האט אינפאר־מירט דעם עקזעקוטיוו באארד, אז אזוי ווי די קאנווענשאן דערנעהערט זיך, און יעדער לאקאל ארבייט אויס א באריכט פון זיין טעטיגקייט וואלט געווען נים מעהר ווי ראטזאם, אז אויך אונזער לא־קאל זאל צוזאמענשטעלען אזא באריכט.

א קאמיטע פון די מיטגלידער רא־בינאוויץ, האכמאן, סאסנאווסקי, וואלקאוויץ און בראונשטיין איז דערוועהלט געווארען אויסצוארבייטען אזא באריכט צוזאמען מיט ברודער שעהנהאלץ.

א צושריפט איז דערהאלטען געווא־רען פון דער פיפעלס רעליף קאמיטע, אין וועלכען זי מעלדעט אונזער עקזע־קוטיוו באארד, אז זי האט באשלאסען אנצופאנגען א דרייוו פאר א מיליאן דאלאר, וואס וועט פארווענדעט ווערען אויף צו קויפען געציינג און אגריקול־טורעלע מאשינען פאר סאוועט־רוסלאנד. דער קאמפיין וועט זיך אפיציעל אנ־פאנגען זונטאג, מאי דעם 14טען, 7 אזייגער אין אווענט, אויף א באנקעט אין סענטראל אפערא הויז, 205 איסט 67טע סטריט. און זי לאדעט אונז איין צו שיקען צוויי פארטרעטער. עס איז באשלאסען געווארען זיך אין דעם צו באטייליגען, און די ברידער ראטענבערג און ראבינאוויץ זיינען אויסגעקליבען געווארען אונז דארט צו פארטרעטען.

אין פארבינדונג מיט דער פראגע וועגען עקאנאמיע פאר אונזער ארגאני־זאציע, וואס איז באטראכט געווארען ביים לעצטען עקזעקוטיוו באארד מי־טינג און איז ווידער אויפגענומען גע־ווארען ביי דעם מיטינג, האט ברודער שעהנהאלץ פארגעלעגט א „סופלעמענ־טערי" רעפארט, איבערגעבענדיג אין קורצען דעם פינאנציעלען צושטאנד פון אונזער ארגאניזאציע.

* * *

א זיצונג פונ'ם עקזעקוטיוו באארד פון דרעסמאכער יוניאן, לאקאל 22, איז אפגעהאלטען געווארען דינסטאג אווענט, אפריל דעם 25טען, 1922, אונטער דער פארזיץ פון ברודער דזש. האפמאן.

א צושריפט איז באקומען געווארען פון דער „פרייע ארבייטער שטימע", אינפארמירענדיג אונז, אז זי נעהמט פיי־רען די אמאלגאמאציע פון דער קראפאט־קין ליטעראטור געזעלשאפט מיט דער „פרייע ארבייטער שטימע". עס איז פאר דעם צוועק ארגאניזירט געווארען א באנקעט אויף שבת אווענט, מאי דעם 6טען, אין בעטהאווען האל, און זי פאר־לאנגט, אז מיר זאלען אנטיילנעמען אין דעם יום־טוב.

דער עקזעקוטיוו באארד האט באשלא־סען צו קויפען 5 טיקעטס, און די פאל־גענדע זיינען דערוועהלט געווארען אין דער קאמיטע צו דעם באנקעט: ס. ווינבערג, קלארא טובמאן, דזש. ראבי־נאוויץ, פ. ראטענבערג און דזש. האפ־מאן.

די קאמיטע, וועלכע איז מיט א צייט צוריק פון דעם עקזעקוטיוו באארד אויס־געקליבען געווארען אויסצוארבייטען רעזאלוציעס, וואס זאלען פארגעשלאגען ווערען אויף דער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל, האט באריכטעט, אז זי האט געהאט א מיטינג אפריל דעם 25טען, צוזאמען מיט דער קאמיטע, וועלכע איז דערוועהלט געווארען ביים לעצטען גענעראל מעמבער מיטינג, און האבען אויסגעארבייט א רייה רעזאלו־ציעס אלס אינסטרוקציעס צו אונזערע דעלעגאטען צו דער 16טער קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל.

ווי לייענען זיך טיילווייז אזוי:

רעזאלוציע נומער 1:

אז ארטיקעל 2, טייל 3 פון דער קאנ־סטיטוציע פון אונזער אינטערנעשאנאל זאל אמענדירט ווערען אזוי, אז לאקאל יוניאנס מיט א מיטגלידערשאפט פון פינף הונדערט (500) אדער ווייניגער, זאלען זיין בארעכטיגט צו איין דעלע־גאט; לאקאל יוניאנס מיט א מיטגלי־דערשאפט פון מער ווי פינף הונדערט (500) אבער נים מעהר ווי טויזענט (1000) זאלען זיין בארעכטיגט צו צוויי דעלעגאטען; לאקאל יוניאנס, האבענדיג א מיטגלידערשאפט פון מעהר ווי טוי־זענט (1000) זאלען זיין בארעכטיגט צו צוויי דעלעגאטען פאר'ן ערשטען טויזענט און צו איין דעלעגאט פאר יעדען ווייטערדיגען טויזענט אדער גרע־סערען טייל דערפון.

רעזאלוציע נומער 2:

אזוי ווי די קורצזיכטיגע פאליטיק פון דער אמעריקאן פעדערעישאן אוו לייבאר צו זיין אפגעזונדערט פון די איבעריגע ארבייטער־ארגאניזאציעס פון דער וועלט איז נים אין אנקלאנג מיט די אינטערעסען פון די אמעריקאנער ארבייטער און פון די ארבייטער פון אנדערע לענדער, און

אז בלויז דער אלגעמיינער ווידער־שטאנד פון די ארבייטער־באוועגונגען פון אלע לענדער, אפגעזעהן פון זייערע פאליטישע אדער סאציאלע מיינונגען, קאן זיך ערפאלגרייך רעכענען מיט דעם איצטיגען קריזיס, דעריבער איז עס באשלאסען: אז די קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. אינדארסירט דעם באשלוס פון די דריי אינטערנאציאנא־לען אין בערלין צו רופען א וועלט קאנ־גרעס פון ארבייטער מיט דעם צוועק צו פארמירען א פאראייניגטען פראנט געגען דעם אינטערנאציאנאלען קאפי־טאליזם. און עס איז ווייטער

באשלאסען: אז די קאנווענשאן זאל אויפפאדערען דער א. פ. אוו ל. צו שיקען רעפרעזענטאנטען און אנטייל נעמען אין קאנגרעס, ווען ער וועט גערופען ווע־רען צו דעם וועלט־קאנגרעס פון אר־בייטער צו דער נעקסטער קאנווענשאן פון דער א. פ. אוו ל. אויפצוהייבען די פראגע ביי דער קאנווענשאן און רעדען דער־פאר, אז דעלעגאטען זאלען געשיקט ווע־רען צו דעם וועלט־קאנגרעס פון אר־בייטער. און עס איז ווייטער

באשלאסען: אז די קאנווענשאן זאל דערוועהלען צוויי דעלעגאטען צו פאר־טרעטען די ארבייטער פון דער א. ה. ג. וו. י. אין פאל די א. פ. אוו ל. זאל זיך אנטזאגען צו באטייליגען זיך אין דעם דערמאנטען וועלט־קאנגרעס.

אין א דריטע רעזאלוציע, וועלכע ערקלערט, אז צוליב דעם איצטיגען גע־בוי פון אונזערע ארגאניזאציעס זאל יעדען לאקאל געגעבען ווערען דאס רעכט איינצופיהרען ביי זיך אזא פארמע פון פארוואלטונג, ווי עס איז בעסער פאר די אינטערעסען פון די ארבייטער, און אויב נויטיג, אויך די שאפ דעלעגאטען־סיסטעם.

צווישען די אנדערע וויכטיגע פראגען, וועלכע די רעזאלוציאנס־קאמיטע האט אויפגענומען, איז אויך געווען די פראגע וועגען דער יוניטי־הויז.

נאכדעם, ווי דער עקזעקוטיוו באארד האט גענומען אין באטראכט דעם פאקט, אז נים בלויז מיטגלידער פון אונזער דזשאינט באארד, נאר אויך מיטגלידער פון אנדערע לאקאלס פון דער אינטער־נעשאנאל ציהען די וועלכע נוצען פון דער יוניטי הויז, ווייל זיי קענען דארט פארברענגען זייער וואקיישאן־צייט פונקט אזוי גוט, ווי מיטגלידער פון די לאקאלס, וואס זיינען אנגעשלאסען אן אונזער דזשאינט באארד, דעריבער, כדי די יוניטי־הויז זאל ווירקליך ווערען א קהל'שע אינסטיטוציע, איז וויכטיג, אז די יוניטי־הויז זאל באלאנגען און פאר־וואלטעט ווערען פון דער אינטערנעי־שאנאל. עס איז דארום באשלאסען גע־ווארען צו פארלאנגען פונ'ם דזשאינט באארד פון דרעס און וועסטמאכער יוניאן און ספעציעל פון די לאקאלס פון אונזער דזשאינט באארד, וועלכע זיינען פאראינטערעסירט און פארוואל־טען די געשעפטען פון דער יוניטי־הויז, אז אין נאמען פון דיזע לאקאלס זאל א רעזאלוציע פארגעשלאגען ווערען אויף דער קאנווענשאן, אז די אינטערנעישא־נאל זאל איבערנעמען די יוניטי־הויז און איהר פארוואלטען פאר דעם נוצען פון די מיטגלידער פון די ניו־יארקער לאקאלס און די רעזאלוציע זאל אנגע־נומען ווערען.

דער באריכט פון סעקרעטאר אין פארבינדונג מיט'ן ערשטען מאי, אז ער האט אין דער „גערעכטיגקייט" און אין דער „דזשאסטיס" אריינגעגעבען אד־ווערטייזמענטס, באגריסענדיג, אין נא־מען פון אונזער לאקאל, די ברידער און שוועסטער־לאקאלס פון גאנצען לאנד בפרט און די ארבייטער בכלל, און אויך באגריסט די דעלעגאטען צו אונזער קאנ־ווענשאן אין קליוולאנד, וועלכע הויבט זיך אן מאי דעם 1טען, איז גוטגעהיי־סען געווארען.

די אפיל־קאמיטע האט אריינגע־בראכט איהר באריכט פון איהר לעצ־טען מיטינג, וואס זי האט אפגעהאלטען אפריל דעם 22טען, און ער איז פארהאנ־דעלט און גוטגעהייסען געווארען.

מיט דעם האט זיך די זיצונג גע־שלאסען.

י. שעהנהאלץ, סעק.

נייע ביכער.

אינ'ם „כלל־פארלאג", בערלין, איז ערשינען דער בוך „דאס אידישע פאלק אין ציפערען", פון י. לעשצינסקי. דאס איז דער ערשטער וויסענשאפטליכער בוך, אויף אידיש, וואס באהאנדעלט אזא וויכ־טיגע פראגע, ווי די צאהל אידען אין דער גאנצער וועלט ביז די סאמע לעצטע יאה־רען. דאס ערשטע מאל קאן דער לעזער געפינען אין א אידיש בוך ווי אזוי די אי־דען זיינען פארשפרייט און צוטיילט צווי־שען פארשידענע פעלקער און לענדער, ווי־פיל אידען וואוינען אין לענדער, שטעט און שטעטלאך. א חוץ דעם ווערט בא־האנדעלט געניי די קאנצענטראציע פון די אידען אין גרויסע קהלות און ס'ווערט אנגעוויזען איהרע סבות. דער בוך איז זעהר רייך מיט דאקומענטאלע ציפערען, און עס געפינט זיך אין איהם 57 ספעציע־לע טאבעלעס מיט א גרויסער ביילאגע־טאבעלע.

אין דעם דערמאנטען פארלאג זיינען שוין ערשינען פון דער סעריע „כלל־ביב־ליאטעק", וואס געהט ארויס אין א איינ־הייטליכען פארמאט, און אין א איינהייט־ליכער אויספירונג, פאלגענדע ביכער:

ח. נ. ביאליק: פון צער און צארן; א. נ. גנעסין: סאמואיל סאמואילאוויטש און משה אטלא; ח. ד. נאמבערג: אין א פוילישער ישיבה; צבי הירשקאן: נים הינטער א פלויט; י. וואגנער: מעשיות וועגען ערד.

פון דער סעריע „ספריה כללית" זיינען ערשינען פאלגענדע ווערק: יהודה הלוי: מבחר שיריו; ר' עובדיה מברטנורא: מסע לא"י בשנת רמ"ח; א. ל. לווינסקי: מסע לא"י בשנת ת"ת עם הקדמה מאת ח. נ. ביאליק; ח. נ. ביאליק: אריה בעל גוף.

די וועסטמאכער יוניטי הויז אין פארעסט פארק.

דורך א טעכנישער סיבה האט אין דעם נומער „גערעכטיגקייט" נים געקאנט ערשיינען אן אינטע־רעסאנטער ארטיקעל וועגען דער יוניטי הויז פון אונזערע וועסט און דרעסמאכער, אין פארעסט פארק. דער ארטיקעל וועט געדרוקט זיין אין דעם נעקסטען נומער פון דער „גערעכטיגקייט".

רעזערווירט זיך שוין, ווען איהר ווילט פאהרען אין די יוניטי הויז.

א תכלית

(א בילד)

פון מ. צינקין.

מאקס, אן אפרייטאר ביי דרעסעס, האט זיך באקאנט מיט סיידען, א דריי־פערין, אין שאפ ביי דער ארבייט.

מאקס האט דא געהאט עלטערען, און סיידי איז געווען אן עלענדע און האט דא, אויסער עפעס א שלעכטע און א קאלטע מומע, קיינעם נים געהאט. און ווען סיידי האט זיך פארקלאגט פאר מאקס'ן, אז זי האט א שלעכטע לאזשי, האט עס מאקס דערצעהלט זיין מאמען און ער האט סיידי'ן זעהר פארלויבט פאר איהר, אז זי איז זעהר א ליטיש מיידעל, און עס איז געבליבען צו מא־כען פלאץ פאר סיידי'ן און אריינגעה־מען זי צו זיך.

זייער באקאנטשאפט האט זיך לאנג־זאם פארוואנדעלט אין א גאנץ ווארימער און געטרייער ליבע און זיי האבען אנ־געהויבען קלעהרען וועגען חתונה האבען.

ביידע, אי מאקס, אי סיידי, זיינען געווען גאנץ קלוגע, פראקטישע און אי־בערלעגטע יונגע מענשען, און זייערע צוזאווארימטע יונגע הערצער האבען אבער נים צוהיצט זייער קאלטען פאר־שטאנד, און פארשטאנען האבען זיי, אז אויב מען האט חתונה אלס ארבייטער און מען פארספענדט די פאר אפגע־שפארטע דאלאר אויף איינפיקסען א הויז מיט די אלע איבעריגע זיבען זא־כען וואס מען דארף באלד נאך א חתונה, בלייבט שוין מאקס אן ארבייטער דעם גאנצען לעבען — אייביג זיין איינגע־לענט ביי דער מאשינקע. און דאס האט זיך ביידען, איבערהויפט סיידי'ן, זעהר נים געוואלט און עס איז געבליבען, אז מען זאל ווייטער אויסגעהן און אר־ביימען און שפארען צוזאמען אויף איין באנק־ביכעל, ביז וואנען זיי וועלען הא־בען גענוג געלד און מען וועט טרייען ביזנעס. עפעס זעהען זיי דאך אן מענ־שען טרייען און זייען ערפאלגרייך. אט איז זייער באס נאך גאר נים לאנג גע־ווען אן ארבייטער. אין גאנצען איז ער אין ביזנעס זעקס יאהר, און הלואי אויף זיי געזאגט געווארען — פאהרט אין אן אייגענעם אויטאמאביל, וואוינט אין אן אייגענעם פאלאצעל אין בראנקס פארק, און די ביזנעס האלט נאך אלץ אין איין וואקסען.

זיי האבען נים לאנג געדארפט ווארטען. אין גיכען האט זיך זיי גע־מאכט א געלעגענהייט אריינצוגעהן אין די סאב־מאנופעקטשורינג פון דרעסעס, אין א „קארפארייטשאן" שאפ. סיידי און מאקס האבען שוין געזעהן פילע, וואס האבען אנגעפאנגען מיט א קאר־פארייטשאן שאפ און האבען זיך ארוים־געארבייט.

איצט זיצט מאקס ביי דער מאשינ־קע נים קיין אכט שטונדען א טאג נאר צוועלף, און ארבייט מיט די זייטען און מאכט קוים אויס זיינע וויידזשעס. סיידי פוילט זיך אויך נים און שטעהט נים אפ פון מאקס'ן, און אויסער דעם וואס מען ארבייט שווער איז דא גענוג הארץ־וועהטאג און הארץ־עסעניש פון די פארטנערס אין שאפ, און קאפ־וועהטאג און קאפ־דרעהעניש פון די ביזנעס אין און אויסער'ן שאפ, און די געלד וואס זיי האבען אריינגעלעגט טריקענט אויס מיט יעדען מאנאט, און ארויסגעהן קען מען אויך נים, סיידען נעהם און לאז איבער אלעס און געה אוועק נקי.

פון סיידי'ן איז קיין העלפט נים געבליבען, און קוקענדיג אויף איהר, עסט זיך מאקס אויף א לעבעדיגער און קען זיך גאר נים מוחל זיין, וואס ער האט נאך איהר אויך אריינגעשלעפט אין דעם זומפ פון „קארפאראציע". סיידי קוקט אויף מאקס'ן ווי ער איז בלייך און אויסגעדארט געווארען, און זי זעהט און פארשטעהט, אז איהר זיסער חלום, — ארויסשלעפען איהר מאקס'ען פון די פארשאלטענע אפריטארי, — איז אויף דערוויל צורונען געווארען. און דאס הארץ שרעקט איהר, אז איהר מאקס, איהר גוטער, טייערער מאקס, בלייבט שוין אן אייביגער ארבייטער...

מיליאנען מענשען

פארמיידען קראנקהייט פון זייערע הייזער דורך דעם ציימיגען געברויך פון

עקס-לאקס

דער בארימטער מאגען רעגולירער

אויב איהר זיים נים איינער פון יענע מיליאנען, קענט איהר לייכט אויסגעפינען פון די, וועלכע ברויכען עקס־לאקס, וואס עקס־לאקס באַ־דייט. איהר דארפט זיי לאנג נים זוכען. איהר קענט זיי געפינען אויף יעדער שריט און טריט. אויפ'ן גאס, אין שאפ, אין סקול, אין טעאטער, ערגעץ וואו איהר וועט זיך נאר קעהרען און ווענדען קענט איהר בעגעג־נען עקס־לאקס געברויכער, וואס וועלען אייך דערציילען וואס פאר א וואונדערבארער מיטעל עקס־לאקס איז פאר'ן מאגען.

אלע פראגרעסיווע דראגיסטען פארקויפען עקס־לאקס אין 10, 25 און 50 סענט באקסעס.

פראנקרייך—דער נייער יונקער פון דער וועלט

(ווינען דער מיזרח'ער ראלע פון די פראנצויזען אין גענוא, ווינען וויער שטערונג געווינט צו מאכען אייראפא.)

פון ג. טאביאס.

אירער מיז נעוען ווערט ווערען וועגען גענוא, וועגען דער גענוע'ר קאנפערענץ. עס איז דאך די וויכטיגסטע פראגע אין דעם לעבען פון דער מענשהייט היינט צו טאג. עס איז דער פארזוך איינצושטעלען דאס לעבען אויף א פרידליכען באזיס; אפצושאפען די אומרעכטען פון נעכטען; איבערצופירען די געפאהרען פון דעם מארגען און איבערצולעבען. עטליכע און דרייסיג פעלקער זיינען פארזאמעלט אין גענוא, גאנץ אייראפא מיט גרויסע שטיקער אזיע, אויסטראליען און אמעריקע זיינען דארט פארטרעטען. די באשליסען, וואס וועלען דארט אנגענומען ווערען בארירען אלע פעלקער, אלע יחידים פון יעדען פאלק. פרידען און מלחמה הענגען דארט אויס'ן וואגשאל. פרידען וועט מיינען, אז מיר, דער איצטיגער דור, וואס האט איבערגעלעבט דעם שרעק-ווינט פון 1914—1918, וועלען זיך קענען ענדליך אפרוהען און נים דארפען בענקען מעהר צו 1913, און עס וועט אויך מיינען, אז מיר וועלען נים דארפען קוקען מיט אנגסט און אומרוה אויף אונזערע קינדער, אויף דעם איצט אויפוואקסענדען דור. קריג אבער וועט מיינען נאך א שרעקליכערע קאטאסטראפע, ווי די פארגאנגענע, דער סוף בוכשטעבליך צו אלץ, וואס מען רופט ציוויליזאציע און קולטור.

קיין חידוש, וואס גענוא פארנעמט איצט די אויפמערקזאמקייט פון דער גאנצער וועלט, וואס דער שטאטסמאן, דער וועלנער, דער שרייבער און דער קינסטלער, דער ארבייטער און דער פשוט'ער מענש פון א גאנץ יאהר, מוז זיך פאראינטערעסירען מיט גענוא, מוז נאכפרעגען מיט שפאנענדער אויפמערקזאמקייט אלץ, וואס קומט דארט פאר.

ווי פריהער קאן מען נאך איצט נים האבען קיין גענויע איינהייטליכע פארשטעלונג וועגען דער קאנפערענץ. קאליידאסקאפיש בייטען זיך די סצענעס, די פאסירונגען, די וועלט-געשעהענישע. יעדער מאמענט ברענגט עפעס נייעס, און דאס נייע איז פון געוואלטיגער וויכטיגקייט. יעדע רגע קאן פארקומען עפעס אנטשיידענדעס. דעריבער וועל איך אויך דאס מאל פרואווען איבערצוגעבען אפגעריסענע איינדרוקען פון דער קאנפערענץ, פון די גרעסטע, וויכטיגסטע פאסירונגען דארט.

* * *

די גענוא-קאנפערענץ איז שוין אריין אין איהר פערטער וואך. איהר פאטער, דער בריטישער פרעמיער לאיד דזשארדזש האט גערעכענט צו פארברענגען דארט בלויז א צוויי וואכען. ער האט געמיינט, אז דאן וועט שוין אלץ זיין ערלעדיגט.

און ער וואלט אפשר געווען גערעכט. צוויי וואכען איז גענוג צייט זיך דורכצוריידען און קומען צו א טאלק. — ווען מען וויל נאר. אבער נים אלע באטייליגטע אין דער קאנפערענץ ווילען קומען צו א טאלק. ביי דעם קאנפערענץ טיש זיצען נים בלויז פריינד פון דער קאנפערענץ, נאר אויך שונאים פון איהר און איהר ערפאלג. און דער גרעסטער שונא, דער גרעסטער שטערער, דער גרעסטער שלעכטס-ווינשער פון דער קאנפערענץ איז אלץ דיזעלבע פראנקרייך.

צוליב איהר פארשלעפט זיך די קאנפערענץ. צוליב איהר וועלען לאיד דזשארדזש און אלע אנדערע מוזען בלייבען ווער ווייס ווי לאנג נאך אין גענוא, אי דאס איז נים באוואוסט צי דאס „ווייצען און שוויצען" וועט זיך צומאל לוינען.

פראנקרייך איז דער שטן המשחית פון דער קאנפערענץ. יעדע כמעט, וואס באווייזט זיך אויף דעם גענוער הימעל איז פון איהר פאראורזאכט. זי טראגט די שולד פאר יעדען טאג שלעכט וועטער, וואס די קאנפערענץ האט.

פארוואס איז עס אזוי?

ווייל פראנקרייך, די איצטיגע פראנקרייך, מיט איהר פרעמיער פואנקארע האבען פון אנהויב נים געוואלט די קאנפערענץ. דער פראנקרייך פון די איבערוואליסטען, שאוויניסטען, באנקירען און מיליטאריסטען איז די גאנצע קאנפערענץ נים צום הארצען. גענוא דארף דער ברענגען רוה און ארדנונג און פרידען און ווירטשאפטליכע נארמאלקייט אין אייראפא. אבער אין דעם איז זי גארנים אזוי פאראינטערעסירט. ענגלאנד מוז האבען מערק, וואו צו פארקויפען איהרע סחורות. זי מוז האבען קונים פאר די פראדוקטען פון איהרע פאבריקען. זי מוז האבען פאר וועמען צו פראדוצירען, כדי איהר אינדוסטריע זאל זיין באשעפטיגט, און כדי אזוי פיל מיליאנען ארבייטער איהרע זאלען נים ארומגעהן ליידיג. ענגלאנד איז ווייטער פאראינטערעסירט אין דעם פולען צוריקקעהר פון נארמאלע צושטאנדען, ווייל זי אימפארטירט א סך זאכען פון אויסלאנד, הויפטזעכליך רוי-מאטעריאלען.

פראנקרייך אבער איז אינדוסטריעל נים ווער ווייס ווי ענטוויקעלט. זי נויטיגט זיך נים אין תבואה פון אויסלאנד, זי האט אליין גענוג. זי נויטיגט זיך נים אזוי שטארק אין רוי-מאטעריאלען, ווייל איהר פראדוקציע איז נים זעהר גרויס. זי איז נים אזוי אפהענגיג אן אימפארטירען און עקספארטירען, ווי ענגלאנד. און דערפאר פיהלט זי זיך נים אזוי שטארק פאראינטערעסירט אין דעם ערפאלג פון גענוא.

פארקעהרט. זי וויל גיכער, אז גענוא זאל נים זיין קיין ערפאלג. כל זמן אייראפא וועט נים זיין סטאביליזירט וועט זי מיט איהר גרויסע ארמעע קאנען שפילען די ראלע פון דעם איינציגען גרעסטען הערשער. ווען אבער אייראפא וועט קומען צו זיך, וועט דייטשלאנד געזונט ווערען, וועט אין רוסלאנד דאס ווירטשאפטליכע לעבען אננעמען א נארמאלען גאנג, וועלען אט די צוויי לענדער מיט זייערע גרויסע באפעלקערונג פראנקרייך אויך אריבעריאגען. פראנקרייך וועט דאן פארלירען די העגעמאניע, די איבערהערשאפט אין אייראפא.

דערפאר ווילען די פראנצויזען גארנים, אז גענוא זאל ברענגען די רעזולטאטען, צו וועלכע עס שטרעבט לאיד דזשארדזש, צו וועלכע עס שטרעבען אלע אנדערע באטייליגטע ביי דער קאנפערענץ. דערפאר שטערט פראנקרייך כסדר דעם גאנג פון דער קאנפערענץ, לאזט זי נים טאן קיין ארבייט.

מען קאן דאס צווישען אנדערעס זעהן אויך פון דעם אופן ווי פראנקרייך איז פארטראטען אין גענוא. כמעט אן דעם שפיץ פון דער פראנצויזישער דעלעגאציע געפינט זיך דער וויצע פרעמיער, אליין א געוועזענער פרעמיער, מאנסיע בארטו. האט ער אבער זיין צים מאכט נים צו באשליסען זאכען. די פראנצויזישע רעגיערונג וויל נים זיין באפולמעכטיגטע פארטרעטער, נאר דינער, וואס מוזען פירען די געבאטען פון פאריז. ביי יעדער פראגע וואס פאריז דאס ווארט, און א ווארט וואס שטערט נאך מעהר. אין גענוא איז מאנסיע בארטו שוין גענייגט נאכצוגעבען אין געוויסע זאכען, קומט צילא-גראמען, אפילו נאך אין דעם זעלבען טאג, מאנסיע פואנקארע פון פאריז, און קעהרט איבער די גאנצע געשיכטע. בארטו איז בלויז א שיק-אינגעל. פואנקארע איז דער באלעבאס, און זיין איינציגער ציעל איז נים צו דערלאזען, אז גענוא זאל ברענגען ערפאלג.

וואס ווילט פראנקרייך?

די צוויי וויכטיגסטע פראגען אין גענוא זיינען די אלגעמיינע סטאביליזירונג פון אייראפא, וואס דאס איז ענג פארבונדען מיט דייטשלאנד, און שלום מיט רוסלאנד. אין וועלכער די ערשטע פראגע קאן נים פארנאכעדט ווערען.

איז אין דער ערשטער פראגע — בנוגע דייטשלאנד — וויל פראנקרייך, אז איהר שכנה און פיינטע זאל בלייבען ליגען ניין קלאפטער אונטער דער ערד, אז זי זאל קיינמאל קיין תקומה נים האבען; און בנוגע רוסלאנד וויל פראנקרייך, אז אט די ריזיגע מדינה, וואס האט געוואגט אראפצוווארפען דעם צאר, דער „שעהנער פראנקרייך'ס" פיינער שותף, זאל פשוט צוטיילט ווערען צווישען אלע גרויסע הערבט, און זי אליין, פראנקרייך, הייסט דאס, זאל נאטירליך קריגען א פעט גרוים מיטעלשטיק.

עס איז נים קיין פראגע. עס איז אזוי. פראנקרייך הערט נים אויף צו פאדערען פון דייטשלאנד קאנטריבוציעס און פארפליכטונגען, וועלכע די לעצטע קאן נים צאהלען. איצט הענגט איבער דייטשלאנד אן אולטימאטום. זי מוז דעם 31-טען מאי איינצאהלען א סומע, וועלכע זי איז באין אופן נים אומשטאנד. וואס ארט עס אבער פראנקרייך? אין דער אייגענער צייט, וואס פואנקארעס שיק-אינגעל, בארטו, איז געזעסען אין גענוא און גערעדט מיט לאיד דזשארדזשען וועגען דעם, ווי ווישט מען אפ די שנאה צווישען פעלקער, ווי שאפט מען ענדליך דאס געפיהל פון געגענזייטיגער סאלידאריטעט, אהן וועלכער קיין שום לאנד קאן נים לעבען, האט מאנסיע פואנקארע געהאלטען א רעדע אין דער שטאדט בארלע-דיוק, אין וועלכער ער האט גלאזט וויסען, אז פראנקרייך וועט זיך מיט קיינעם נים רעכענען, נים פרעגען אפילו ביי איהרע עליים, נאר אריין אריינמארשירען קיין דייטשלאנד, אויב די לעצטע וועט נים באצאהלען דאס פונט פלייש דעם 31טען מאי. דאס איז געווען אן אמת'ע טארפעדא געגען דער יסוד פון דער קאנפערענץ, וועלכע האט טאקע געוואנקען. ווען לאיד דזשארדזש ווארט זיך נים איינגעשפארט און באשלאסען דורכצופירען די קאנפערענץ מיט אלע כחות, וואס ער פארמאגט נאך.

אבער דא זעהען מיר דאס פנים פון פראנקרייך. זי ערשיינט פאר אונז אלס דער איצטיגער יונקער און זשאנדארם פון אייראפא. פואנקארע האט זיין סטראשונאק געגעבען אלס נקמה-מיטעל געגען דעם באזונדערען דייטש-רוסישען אפמאך. ער האט געוואלט לאזען פיהלען אי דייטשלאנד אי רוסלאנד, אז ער וועט זיי נים לאזען פרידליך לעבען, נים לאזען זיי געזונט ווערען דורך געגענזייטיגער הילף. פראנקרייך האט אן ארמעע! פראנקרייך וויל, אז דייטשלאנד זאל נים ווערען נארמאל און ווידערשטאנד-פעהיג. פראנקרייך וויל, אז רוסלאנד זאל אויך אייביג פארבלייבען אין דעם צושטאנד פון גסיסה.

פראנקרייך האט אן ארמעע, אבער רוסלאנד האט אויך אן ארמעע. אויב די באלשעוויקעס וועלען זעהן, אז פראנקרייך שטערט כסדר די איבעריגע לענדער צו קומען צו א פרידליכער פארשטענדיגונג מיט זיי; אויב פראנקרייך וועט טאקע נים דערלאזען, אז רוסלאנד זאל ווענינסטענס געהאלפען ווערען דורך דעם בונד מיט דייטשלאנד, דורך דער ארגאניזאציאנס-פעהיגקייט און דער אינדוסטריעלער שטארקייט, וואס דייטשלאנד פארמאגט, וועלען זיי, די באלשעוויקעס, אפשר — אויס רייגער פארצווייפלונג — געצוואונגען ווערען דורכצורייסען זיך דורך פוילען, וואס טיילט זיי אפ פון דייטשלאנד און אויף אזא אופן, אויף א מיליטערישען, דורכזועצען די פאראייניגונג מיט דעם לאנד, וואס קאן זיי העלפען און אריין דערפון זעהר פיל געווינען.

עס וועט האפענטליך נים קומען דערצו. רוסלאנד דארף האבען א מלחמה ווי אויגענוועהטאג, אבער דאס איז א מעגליכקייט. די בריטישע און איטאליענישע דעלעגאטען אין גענוא רעדען גאנץ אפען וועגען איהר. און שולדיג אין דער מעגליכקייט איז פראנקרייך.

פראנקרייך האט פולשטענדיג איבערגענומען די ירושה אי פון צאר אי פון קייזער. זי איז דער יונקער און דער זשאנדאר פון אייראפא. זי רעכענט זיך מיט קיינעם נים. זי לאכט זיך אוים פון דער עפענטליכער מיינונג פון דער וועלט. אבער איז עס מעגליך, אז דאס זאל איהר אראפגעהן גלאט?

לאיד דזשארדזש'ען איז פראנקרייך דערעסען געווארען ביז נאר. וואס מען זאל וועגען איהם נים זאגען, ווי מען זאל איהם נים האלטען פאר א פאליטישען קונצענמאכער און אפארטוניסט — אין גענוא מיינט ער ערנסט. אין גענוא ארביים ער מיט'ן גאנצען הארצען, אז פרידען זאל געשאפען ווערען אין אייראפא, אז די שנאה צו דייטשלאנד, דער פארלאנג זי צו פארניכטען זאל אויפהערען, און אז א פארשטענדיגונג, א פרידליכע און לייטישע זאל דערגרייכט ווערען מיט רוסלאנד.

אויב פראנקרייך וועט זיך איינשפארען, וועט לאיד דזשארדזש — און ער ווערט געשטיצט פון די מעהרסטע איינפלוסרייכע קרייזען פון ענגלאנד און פון דער גאנצער בריטישער אימפעריע — נים אויסהאלטען, און ארויסקומען אפען געגען פראנקרייך. די אנטאנט, דער בונד צווישען די עליים וועט דאן אפשר צוריסען ווערען. רוסלאנד און דייטשלאנד וועלען אויף אן אמת פארבינדען זיך פאר געגענזייטיגער הילף, און פראנקרייך וועט בלייבען אליין, איזאלירט, פארהאסט און פאראכטעט.

דאס וועט זיין איהר פארדינטע שטראף, און דאס וועט זיין דאס בעסטע. פיל בעסער ווי די געפאהר פון א נייער מלחמה, פון א נייעם שטורם, וואס וועט אייראפא צושמעטערען ביז די ווארצלען.

די קאנפערענץ אין גענוא

פון יעקאבוס.

אין ס'האט געטראפען אז די גרעסע קינדער
האבען אין א שעהנעם הלום
איינגעזעצט דאס ליילאך פון דער וועלט.
האבען זיי זיך פארשעמט פאר דעם אנדענק
פון דער אלטער ערציהערין.
אויף די וועגען פון דער אלטער וועלט
שפאצירען יונגע באנעם מיט קליינע קינדער,
און די זון הויך אין הימעל
באקט דעם אפגעדעקטען קאפ פון פישער-יונג
וואס זיצט ביים וואסער.
ווער ווייסט, אפשר שעמען זיך די גרעסע קינדער
פאר דעם פראסטען פישער-יונג ביים וואסער,
אדער גאר פאר די קליינע קינדער געפיהרט פון די יונגע
באנעם.
צום מייזועל!
ווען נים די טויזענט אויגען
פון דער אלטער רכילות'ניצע היסטאריע
וואלטען זיי איבערגעדרעהט דאס ליילאך און אנטלאפען.
שא! זאל זי זיך נאר פארקוקען.
זיי וועלען עס אפשר דאך טאן.

פרעזענטירען דעם שאפ-טשערמאן.

מיר, די ארבייטער פון קארמעל בראדערס שאפ, האבען פרעזענטירט אונזער שאפ-טשערמאן, ברודער מאקס פרענקעל מיט א סטוירלינג זילבערנעם סעט, פאר זיין גוטער ארבייט פאר דעם שאפ און פאר די יוניאן.

די קאמיטע:
פיליפ מרוס,
דזשליום שטיינמאן,
מ. שניידערמאן,
סעם פארם.

יואדים פון א זיגרייכער ארמיי איז: אימער פארווערטס! אימער ווייטער!

„איינינקייט, דיסציפלין, געטריישאפט — דאס זיינען די מאראלע וואפען פון אונזער יוניאן. לאמיר שטרעבען מיט יעדען אונץ כח, וואס מיר האבען, אז דיזער ארסענאל פון אונזער מאטעריעלען און גייסטיגען כח זאל ווערען אלץ גרעסער, אלץ שטארקער. לאמיר זיין פארטיג אפצושטויסען יעדען פארזוך ארויסצורייסען פון אונז די פאזיציעס, וואס מיר האבען געוואונען".

GERECHTIGKEIT
A Jewish Labor Weekly
Published every Friday by the International Ladies' Garment Workers' Union
Office: 3 West 16th St., New York, N. Y.
B. SCHLESINGER, President. S. YANOFSKY, Editor.
A. BAROFF, Sec'y-Treas. ABRAHAM TUVIM, Business Mgr.
Subscription price paid in advance: $1.00 per year.
Vol. IV. No. 18. New York, Friday May 5, 1922.
Entered as Second Class matter April 16, 1920, at the Postoffice at New York, N. Y., under the act of August 24, 1912.
Acceptance for mailing at special rate of postage provided for in section 1103, Act of October 3, 1917, authorized on January 25, 1919.

פון רעדאַקטאָר'ס נאָטיץ-ביכעל

דער רעפּאָרט פון דעם דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד צו דער זעכצעהנטער קאָנווענשאַן פון דער אינטערנעשאַנעל.

מיר האָבען שוין אין אַ פריהערינען נומער „גערעכטיגקייט" געראַטען אונזערע דעלעגאַטען צו דער קאָנווענשאַן גאַנץ פלייסיג צו לייענען דעם רעפּאָרט פון דעם דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד. נאָר אָהן גוזמא, שפּיגעלט ער אָפּ דעם גאַנצען פאַרשיידענאַרטיגען לעבען און שטרעבען פון דער אינטערנעשאַנאַל פאַר די לעצטע צוויי יאָהר. מיר האַלטען דאַרום פאַר נויטיג צו ווידערהאָלען נאָך איצט די דאָזיגע רעקאָמענדאַציע. דער רעפּאָרט וועט זיי געבען פיל שטאָף צום נאָכדענקען און זיי וועלען דאַרום בעסער קענען ערפילען זייערע פליכטען, אַלס דעלעגאַטען.

♣

דער רעפּאָרט איז צוטיילט אין צוויי אָפּטיילונגען — איינע פון דעם דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד, און די צווייטע פון אונזער דזשענעראַל סעקרעטאַר טרעזשורער אב. באַראָף, וועלכער איז אויסשליסליך געווידמעט צו די פינאַנץ-אנגעלעגענהייטען פון דער אינטערנעשאַנאַל. ביידע פאַרדינען די פולסטע אויפמערקזאַמקייט פון אונזערע דעלעגאַטען. זיי, וועלכע זיינען אויסערוועהלט געוואָרען צו באַשטימען די ארבייט און דעם פּלאַן פון ארבייט פאַר די לעצטע צוויי יאָהר, מוזען וויסען גאַנץ קלאָר די אמת'ע לאַגע פון דער אינטערנעשאַנאַל אין אַלע איהרע פּרטים.

♣

לאָמיר זאָגען צוערשט אַ פּאָר ווערטער איבער דעם פינאַנץ רעפּאָרט פון ברודער באַראָף. ער איז זעהר קלאָר. ער נוצט זיך ניט אין קיינע פּירושים. דאָס איז געוויס זיין גרעסטע מעלה. אָבער אין איין פּונקט איז נויטיג אריינצוברענגען אַ ביסעלע מעהר קלאָרקייט. לויט דעם רעפּאָרט קומט אויס, אַז די אינטערנעשאַנאַל האָט אָפּגעשפּאָרט פון איהר הכנסה פאַר די לעצטע צוויי יאָהר די גאַנץ היבשע סומע פון 146 טויזענד דאָלאַר. און איינער קען דאַרום האַלטען די אינטערנעשאַנאַל פאַר אַ גאַנצע נגיד'טע. אָבער אין דער אמת'ען איז עס ניט אַזוי. די ריכטיגקייט איז, דאָס די אינטערנעשאַנאַל וואָלט איצט פאַרמאָגט 146 טויזענד דאָלאַר קעש, ווען אַלע חובות. וואָס פאַרשיידענע לאָקאַלס, דזשאָינט באָארדס, אַלערליי אינסטיטוציעס און אַנדערע אַזעלכע בעלי חובות וואָלטען איהר באַצאָהלט, וואָס עס קומט פון זיי. אין אַ באַמערקונג צו דעם דאָזיגען קאַפּיטאַל, וואָס די אינטערנעשאַנאַל באַזיצט, ערקלעהרט דער סעקרעטער טרעזשורער, אַז ער גלויבט ניט, אַז די דאָזיגע חובות וועלען אַמאָל איינקאַלעקטירט ווערען. דאָס הייסט, דער סעקרעטער האַלט אונזערע בעלי חובות פון דעם סאָרט, וועלכע וועלען קיינמאָל ניט פאַרלייקענען זייערע שולדען, אָבער וועלען קיינמאָל ניט באַצאָהלען, וואָס עס קומט פון זיי. איז אָט ווען איהר וועט אוועקשטעלען זייט ביי זייט די סומע, וואָס איז דער זאָגענאַנטער איבערשוס, און די סומע פון די חובות צו דער אינטערנעשאַנאַל, וועט איהר געפינען, אַז ניט נאָר ווערט דער איבערשוס פון די 142 טויזענד דאָלאַר אויסגעמעקט, נאָר ער ווערט נאָך פאַרוואַנדעלט אין אַ גאַנץ שטאַרקען דעפיציט. דאָס הייסט, טעאָרעטיש איז די אינטערנעשאַנאַל רייך. פּראַקטיש איז זי אָבער, וואָס אַנבאַטרעפט איהר פינאַנציעלען שטאַנד, גאַנץ אָרעם. די דעלעגאַטען מוזען דאָס גוט פאַרשטעהן, ווען זיי וועלען קומען צו אָט דעם פינאַנץ-טייל פון זייער ארבייט. זיי וועלען דאַן מוזען קומען צו איינער פון די צוויי ענטשיידונגען: אָדער די אינטערנעשאַנאַל מוז שטאַרק באַגרענעצען איהר טעטיגקייטס-פעלד, אָדער די קוועלען פון איהר הכנסה מוזען באַדייטענד פאַרשטאַרקט ווערען. ווארים איבער אַרבייטען אונטער אַ דעפיציט, דאָס איז אונמעגליך.

♣

אין זיין פאַרוואָרט צו דעם רעפּאָרט זאָגט ברודער באַראָף אַ גאַנץ ריכטיג וואָרט, וועלכען אונזערע דעלעגאַטען האָפענטליך וועלען פאַרשטעהן און באַהערציגען. „איך בין זיכער — זאָגט ער — דאָס דיזע קאָנווענשאַן וועט אננעהמען אַן אנצאָהל רעזאָלוציעס, וואָס וועלען אויפפאָדערען דעם אריינקומענדען דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד אנצופיהרען אונזערע אָרגאַניזיישאַן-קאַמפּיינס אויף אַ גרויסען מאַסשטאַב. זאָלען די דעלעגאַטען האָבען אין זינען, דאָס דיזע רעזאָלוציעס וועלען בלייבען אַ טויטער בוכשטאַב, סיידען די אריינקומענדע דזשענעראַל אָפּיסערס וועלען האָבען דאָס געלד, וואָס איז נויטיג פאַר אַזאַ ארבייט". גאַנץ פראַקטישע ווערטער, ווי אַלע, וואָס דרעהען זיך אַרום דעם ענין געלד. אָבער זיי זיינען פון דער גרעסטער וויכטיגקייט.

דער אַלגעמיינער רעפּאָרט פון דעם ג. ע. ב.

צו באַהאַנדלען דאָ אַלעס, וואָס איז דאָ אין דעם רעפּאָרט, איז אונמעגליך. זאָל דאָ נאָר אויפמערקזאַם געמאַכט ווערען אויף איינינע געדאַנקען, וועלכע קומען אויס'ן זינען, ווען איהר לייענט דעם רעפּאָרט. די לעצטע צוויי יאָהר זיינען געווען זעהר שווערע פאַר דער גאַנצער אַמעריקאַנער ארבייטער באַוועגונג. ניטאָ כמעט קיין איינציגע יוניאָן אין לאַנד, וועלכע האָט ניט געפיהלט אויף זיך די שרעקליכע קלעפּ פון אונזער פינסטערער צייט פון רעאַקציע. און דאָך, וואָס אַנבאַטרעפט אונזער אינטערנעשאַנאַל, קען זי זיך מיט רעכט באַריהמען, אַז זי איז נאָך אַלץ אַזוי שטאַרק און מעכטיג, ווי פאַר צוויי יאָהרען אין דער צייט. די קלאָוקמאַכער אין ניו יאָרק, פילאַדעלפיא, באָסטאָן, שיקאַגאָ, סט. לואיס ארבייטען נאָך אַלץ וואָך-ארבייט און ניט מעהר ווי 44 שטונדען די וואָך, און זיי קריגען נאָך אַלץ די זעלבע ווייזשעס, ווי אין 1920. איז דאָס ניט ווירקליך אַ וואונדער? ווער מוזען מיר דאַנקען פאַר דעם? איז עס, אפשר, דערפאַר, ווייל אונזערע מאַנופעקטשורערס זיינען מעהר מענשליך, מעהר מיטפיהלענד, מיט די ארבייטער? מען דאַרף אָבער נאָר שטעלען די פראַגע און דער ענטפער וועט זיין אַן אַלגעמיינער הילכיגער געלעכטער. אָדער איז עס, ווייל די קלאָוק מאַכער זיינען אַזוי בראַוו, אַזוי סאָלידאַריש, אַזעלכע הונדערט פּראָצענטיגע יוניאָן לייט און קעמפער? יאָ, אמת איז עס. אונזער יוניאָן איז אַן אָרגאַניזאַציע, זיך צו באַריהמען מיט איהר; אָבער אום צו זיין באמת גערעכט, מוז צוגעשריבען ווערען אַ גרויסער טייל פון דעם קרעדיט פאַר דעם געשעהענעם וואונדער צו דער מערקווירדיג-אויסגעהאַלטענער, העכסט-ענערגישער פיהרערשאַפט פון דער יוניאָן. עס איז ניט געווען קיין לאַגע, ווי שווער זי האָט געמעגט זיין, פון וועלכער די פיהרערשאַפט פון דער אינטערנעשאַנאַל האָט ניט געפונען דעם ריכטיגען אויסוועג. עס איז געווען די אינטעליגענץ, די אויסגערעכענטקייט, די ענערגיע מיט וועלכער יעדער סכסוך איז אויסגעפאָכטען געוואָרען, וועלכע האָט געפיהרט דערצו, אַז אונזער גרויסע יוניאָן זאָל זיין איצט כמעט אַן אויסנאַהם צווישען אַלע גרויסע ארבייטער-קערפּערשאַפטען פון די פאַראייניגטע שטאַאַטען.

♣

דאָס מוזען האָבען אונזערע דעלעגאַטען גוט אין זינען, ווען עס וועט קומען צו דעם אויסוואַהל פון אַ נייער פיהרערשאַפט. זאָלען זיי געדענקען, אַז עס איז דאָ פיהרערשאַפט און פיהרערשאַפט. פאַראַן אַ פיהרערשאַפט, וועלכע האָט גוטע כוונות, די בעסטע כוונות, אָבער וועלכע איז נעבאַך זעהר אונפעהיג, און זי קען בשום אופן ניט זיין גוט פאַר דער יוניאָן. פאַראַן אָבער אַ פיהרערשאַפט, וואָס וואַרפט זיך ניט אַרום מיט הויכע פראַזען, אָבער וועלכע האָט די פעהיגקייט אויסצופיהרען די טאָג-טעגליכע פראַקטישע ארבייט. אַזאַ פיהרערשאַפט האָט די אינטערנעשאַנאַל געהאַט דעם גוטען מזל צו האָבען אין די לעצטע עטליכע יאָהר. דאָס איז דער סוד פון איהר וואַקסען. די דעלעגאַטען מוזען זעהן, אַז די קומענדע פיהרערשאַפט זאָל פאַרבלייבען פון דערזעלבער קוואַליטעט. דאָס וועלען זיי קענען אַם בעסטען אויספיהרען, ווען זיי וועלען זיך באַפרייען פון איינענע שטימונגען, וואָס הינדערן דער טיפער ווייס פון זעלבסט, נאָר ווען זיי וועלען געבען זייער איינענעם פאַרשטאַנד און זיך רעכענען מיט דער ווירקליכקייט. דער בעסטער ביטער רעצעפּט איז אַ גרינדליכער שטודיום פון דעם רעפּאָרט צו דער קאָנווענשאַן פאַר די לעצטע צוויי יאָהר.

♣

און אויך נאָך אַ פּונקט אין דעם רעפּאָרט מוזען מיר דאָ אָנווייזען, ווייל ער איז גאַנץ וויכטיג פאַר דאָס ווייטערע לעבען און געדייהען פון דער אינטערנעשאַנאַל. מיר מיינען די אָפּטיילונג אין דעם רעפּאָרט, אין וועלכען עס ווערט דערצעהלט וועגען די ווייסט און דרעס מייקערס פון ניו יאָרק. דער רעפּאָרט וועגען דיזען ענין גיבט אַ ביסעלע פון קריטיק. ער האָט געדאַרפט פיל ברייטער, לויט אונזער מיינונג, אויסגעפיהרט ווערען. אָבער קורץ, ווי דער רעפּאָרט וועגען דעם איז, ברענגט ער אַרויס גאַנץ קלאָר די פאַקטען, און מיר גלויבען, אַז עס וועלען מוזען רויט ווערען פון שאַנדע די יעניגע, וועלכע האָבען איינגעבראַכט אין דאָס לעבען פון דער אינטערנעשאַנאַל די דאָזיגע מחלוקה, די דאָזיגע צושפּליטערונג, דיזע דעמאָראַליזאַציע.

♣

מען וועט איינזעהן פון דעם רעפּאָרט איבער דעם דאָזיגען ענין, ווי געדולדיג די אינטערנעשאַנאַל האָט זיך פאַרהאַלטען אונטער די שווערסטע פּראָוואָקאַציעס. און דאָס נאָר צו פאַרדאַנקען אַט דער דאָזיגער געדולד און טאַקט, האָבען מיר נאָך איצט אַ אָ ר ג אַ נ י ז י ר ט ע, כאָטש שטאַרק אָפּגעשוואַכטע, ווייסט און דרעס אינדוסטריע, וואָס האָט געקענט שיקען איהר דעלעגאַציע צו דער איצטיגער קאָנווענשאַן. נאַטירליך, פּאַסט אונז ניט איין דאָ אויפצורייסען אַלטע וואונדען. אָבער עס איז נויטיג, אַז דער דאָזיגער עפּיזאָד אין דער לעבענס-געשיכטע פון דער אינטערנעשאַנאַל זאָל זיין אַ גוטער לעסאָן פאַר דער צוקונפט. און דאַרום רעקאָמענדירען מיר אַלע אונזערע דעלעגאַטען גאַנץ פלייסיג איבערצולייענען דעם דאָזיגען קאַפּיטעל אין דעם רעפּאָרט.

אַלטע און נייע רעזאָלוציעס.

איינינע זעהר גוטע באַשליסע, וועלכע די שיקאַגאָער קאָנווענשאַן האָט אַנגענומען, זיינען ניט רעאַליזירט געוואָרען. אין דעם רעפּאָרט ווערט ערקלעהרט, וואַרום. מיר וועלען זיך ניט אָפּשטעלען אויף דעם, ווייל פאַר די לעזער פון דער „גערעכטיגקייט" האָבען מיר דאָך שוין ביי פאַרשיידענע געלעגענהייטען ערקלעהרט, וואַרום, למשל, דער נאַרעל ארבייטער-פאַרבאַנד האָט ניט פונקציאָנירט; וואַרום עס איז אונמעגליך געווען אויסצופיהרען דעם געדאַנק פון אייגענע יוניאָן-שעפּער, און נאָך איינינע אַזעלכע וויכטיגע באַשליסע. דאָס מיינט אָבער ניט, אַז די איצטיגע קאָנווענשאַן דאַרף זיי פאַרוואַרפען, אַלס אונפּראַקטיש, אַלס אוטאָפּיסטישע. ניין, מיר גלויבען דאָס ניט. און מיר דענקען, אַז די קאָנווענשאַן וועט טאָן זעהר גוט נאָך אַ מאָל אָנצונעהמען די דאָזיגע גאַנץ וויכטיגע רעזאָלוציעס. ווער ווייס, אפשר וועט דאָס, וואָס איז ניט געווען מעגליך אויסצופיהרען אין די פאַרגאַנגענע צוויי יאָהר, זיין מעגליך דורכצופיהרען אין די קומענדע.

♣

אַ גאַנץ נייע רעקאָמענדאַציע צו דער היי-יאָהריגער קאָנווענשאַן ברענגט דער רעפּאָרט פון דעם דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד וועגען אַן ארבייטסלאָזען-פאָנד. מיר ווייסען ניט, אויב דער געדאַנק פאַר אַזאַ פאָנד קען גלייך אויסגעפיהרט ווערען אָדער ניט, אָבער ער איז זיכער אַ וויכטיגער געדאַנק, און עס איז נויטיג, אַז אונזערע דעלעגאַטען זאָלען זיך פאַרטראַכטען וועגען דעם. דער פּלאַן ענטהאַלט אַ גאַנץ נייעם געדאַנק, וועלכער וועט אויפ'ן ערשטען בליק אויסקוקען פאַר פילע שוין אַ ביסעל צו ניי; אָבער, ווי אונז שיינט, איז דאָס אַ גאַנץ געזונטער און אַ שטאַרק דורכגעטראַכטער געדאַנק. ווי עס פיהרט זיך איצט אין אַלע יוניאָנס, צאָהלען אַלע מעמבערס גלייכע דיוס. די דאָזיגע דיוס איז גענוג פאַר אַלע לויפענדע אויסגאַבען פון דער יוניאָן, און אַמאָל פאַר אַ סטרייק-פאָנד. טאָ ווי קען געשאַפען ווערען אַן ארבייטסלאָזען-פאָנד? העכערען די דיוס פאַר אַלע? דאָס וועט פאַר פילע, וועלכע ארבייטען זעהר אונרעגעלמעסיג, זיין אונמעגליך נאָכצוקומען, און דער רעזולטאַט קען זיין, אַז דוקא די געהעכערטע דיוס פאַר אַלעמען גלייך זאָל פיהרען צו זעהר אונגעווינשטע רעזולטאַטען. נון, ווערט אין דעם פאָרשלאַג אַרויסגעזאָגט די השערה, אַז אפשר וועט מען מוזען, אַנשטאָט די איצטיגע סיסטעם פון צאָהלען גלייכע דיוס, איינפיהרען דיוס, וועלכע זאָלען זיין אין פּראָפּאָרציע צו די פאַרדינסטען פון די מעמבערס, עטוואָס ענליכעס צו אַן אינקאַם-טעקס — אַ סיסטעם, וועלכע קען אויסזעהן צו זיין אַ גרויסע לאַסט אויף דעם ערשטען בליק, אָבער וועלכע קען זיין פון זעהר גרויסען נוצען אין דעם לויף פון דער צייט.

♣

דער געדאַנק איז אַ וויכטיגער. עס לוינט זיך גוט צו באַטראַכטען איהם. די קאָנווענשאַן וועט זיכער ניט אומזיסט פאַרלירען איהר צייט, ווען זי וועט איהם דיסקוטירען, און דאַן אָננעהמען אַ באַשטימטען באַשלוס אין דיזער פראַגע, ווייל די פראַגע פון ארבייטסלאָזיגקייט איז ביי אונז זעהר אַן אָנגעווייטאָגטע. און ביז די רעגירונג וועט עפּעס טאָן אין דער הינזיכט, כאָטש מיר צווייפלען שטאַרק, אויב עס וואָלט געווען נאָר צו ווינשען, אַז זי זאָל עפּעס אונטערנעהמען, און איידער די יוניאָן וועט אויספיהרען, אַז די קלייד-אינדוסטריע זאָל אויפהערען זיין אַ סיזאָן-אינדוסטריע, וואָס דאָס איז, האָט זיך אויך כמעט ניט געענדערט, איז אונטער די אומשטענדען זעהר נויטיג, אַז די אינטערנעשאַנאַל זאָל אונטערנעהמען עטוואָס, וואָס זאָל ווי ווייט מעגליך מילדערען די צרה פון ארבייטסלאָזיגקייט.

♣

עס איז דאָ נאָך פילע, פילע דעטאַלס, וועלכע קענען געלערענט ווערען פון דעם רעפּאָרט. לויט אונזער מיינונג, האָט דער רעפּאָרט באַדאַרפט איבערזעצט ווערען אין אידיש און איטאַליעניש און צוטיילט ווערען צווישען אונזער גרויסער מעמבערשיפּ. אפשר וועט עס אויך געטאָן ווערען, און, אפשר וועלען מיר נאָך זיך צוריקקעהרען ביי אַ געלעגענהייט צו אַנדערע פּונקטען אין דיזען רעפּאָרט. דערווייל ווילען מיר שליסען מיט די שלוס-באַמערקונגען פון דעם רעפּאָרט גופא:

„מיר האָבען יעדען גרונד צו זיין שטאָלץ אויף אונזער מעמבערשיפּ, וועלכע איז געשטאַנען האַאַק, פאַראייניגט און מוטיג מיט אונזער יוניאָן. די יעניגע פאַרלוסטען, וואָס מיר האָבען געליטען, זיינען פון קליינער וויכטיגקייט אין דעם אַלגעמיינעם סך הכל פון אונזער אָרגאַניזיישאַן פאַר די לעצטע צוויי יאָהר. אונזער פונדאַמענט, אונזערע פעסטונגען זיינען אַזוי שטאַרק היינט ווי פריהער. די שטורעמס, וואָס האָבען געבושעוועט איבער אונזערע קעפּ, האָבען אונז ניט געבויגען.

„מיר זיינען שטאָלץ מיט די לעצטע צוויי יאָהר. דאָך דאַרף עס ניט פאַרשוואַכען אונזער וואַכזאַמקייט אויף דער איצטיגער לאַגע און אויף דער באַלדיגער צוקונפט. די קריטישע פּעריאָדע פון דער אַמעריקאַנער ארבייטער-באַוועגונג איז נאָך ניט פאַריבער. דער קאַמפּיין פון אָרגאַניזירטען קאַפּיטאַל געגען ארבייט איז נאָך אין זיין פולען שוואונג. דער אָנגעהענדער גרויסער קאַמף אין דער קוילען-אינדוסטריע איז וואַהרשיינליך די ענטשיידענע שלאַכט אין דיזען קאַמפּיין. דער שטרייק אין דער וועב-אינדוסטריע האַלט נאָך אָן, און אויך דער פרידען אין דער אייזענבאַהן-אינדוסטריע איז ווייט ניט עטוואָס זיכערעס. אַלע דיזע קאָנפליקטען און קעמפּע וועלען געוויס האָבען זייער ווירקונג אויף דער ענטוויקלונג פון אונזער אייגענער לאַגע.

„דער דזשענעראַל עקזעקוטיוו באָארד פיהלט זיכער, נאָך אונזערע ערפאַהרונגען פון 1920—1922, דאָס מיר האָבען דעם כח צו פאַרטיידיגען אונזערע פּאָזיציעס געגען ווייטערע אַטאַקעס; דאָס מיר האָבען די פעהיגקייטען, דעם ענטוזיאַזם און דעם קאַמף-גייסט, וואָס מאַכט אַן אַרמיי אונבאַזיגבאַר. עס איז נאָר נויטיג, דאָס אונזער מעמבערשיפּ זאָל אָפּשעצען ריכטיג די לאַגע, באַגרייפען ריכטיג די ערנסטקייט פון דעם מאָמענט, די לאַגע אין לאַנד בכלל און אין אונזער אינדוסטריע בפרט.

„מיר ווייסען ניט, וואָס אונזערע מאַנופעקטשורערס פּלאַנעווען. אונזער פליכט איז צו זיין אימער פאַרטיג פאַר דאָס ערגסטע. דאָס איז אַ צייט, ווען מיר מוזען זיך אימער פיהלען אין אַ קריגס-צושטאַנד, פאַרטיג אריינצוגעהן אין די טרענטשעס יעדע מינוט אָדער מאַרשירען צום פראָנט. די פּאַסירונגען פון די לעצטע צוויי יאָהר קענען פאַר אונז דינען אַלס אַ קוואַל פון מוט און אַלס אַ וועגווייזער פאַר ווייטערע טעטיגקייט. מיר האָבען געוואונען אונזערע העכסט-וויכטיגע מלחמות, ווייל מיר זיינען געווען פאַראייניגט און גוט דיסציפּלינירט, גוט פאַרבאַרייטעט מאַטעריעל און גייסטיג. און, אויב מיר זאָלען זיין זיכער מיט דעם זיג אין דער צוקונפט, מוזען מיר זיין פּונקט אַזוי גוט פאַרבאַרייטעט, ווי אין דער פאַרגאַנגענער צייט.

„לאָמיר האַלטען טייער און הייליג אונזער אָרגאַניזאַציע. לאָמיר געדענקען, דאָס יעדע פּאָזיציע, וואָס מיר האָבען געוואונען אין דער פאַרגאַנגענהייט, איז באַצאָהלט געוואָרען מיט אַנגסט, טרערען און ליידען. און מעהר פון אַלץ — לאָמיר געדענקען, דאָס דער קאַמף צווישען קאַפּיטאַל און ארבייט געהט אָן אונאונטערבראָכען, און דאָס דער שלאַג-

דער סיסטעם פון עפישענסי און זיין באדייטונג פאר די ארבייטער

פון ל. באראדין

דער דריטער עלעמענט, אויף וועלכען עפישענסי הויבט אן ווערען אנגעווענדעט, איז ארבייט און ארבייטער.

אין פאבריק זיינען פאראן און עס זיינען כמעט אלע מאל געווען צוויי באזונדערע צדדים מיט געגענזעצטע אינטערעסען. פון איין זייט די ארבייטער, ד. ה. יענע מענשען, וואס טוען דירעקט די ארבייט אנשטרענגענדיג אויף דעם זייער פיזישע און גייסטיגע ענערגיע; און פון דער צווייטער זייט, זיינען די בעלעבאטים פון די אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, ד. ה. יענע מענשען, וועלכע טוען ניט דירעקט קיין ארבייט, זיינען אין דער ארבייט גופא קיין ענערגיע ניט אריין, און דאך ציהען זיי פון דעם גרויסע פראפיטען. די אינטערעסען פון ביידע צדדים זיינען אלע מאל געגענזעצטע איינער צום צווייטען; וואס פאר איינער איז גוט, איז פאר דעם צווייטען ער שלעכט; און וואס פאר דעם צווייטען ער גוט, איז פאר דעם ערשטען ער שלעכט.

דער איינציגער און אויסשליסליכער מאטיוו און צוועק, וואס באוועגט איינעם צו עפענען און אנפיהרען א שאפ, א פאבריק אדער אנדערע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען איז צו קריגען די פראפיטען, פארקויפענדיג די פראדוקטען פון דער ארבייט פון געדונגענע ארבייטער. וואס מעהר ארבייט אדער פארטיגע פראדוקטען עס גיט ארויס א געדונגענער ארבייטער פאר דער זעלבער צייט, אלץ גרעסער זיינען די פראפיטען פון דעם אונטערנעהמער, אדער בעלעבאס. און דעריבער איז יעדער בעלעבאס דירעקט פאראינטערעסירט, אז זיין געדונגענער ארבייטער זאל ארויסגעבען וואס מעהר ארבייט פאר דער זעלבער צייט. און די ארבייטער זיינען, פארקעהרט, דירעקט פאראינטערעסירט צו טאן ווייניגער ארבייט פאר דער זעלבער צייט. און די אורזאך דערפון איז פאלגענדע.

יעדער לעבעדיגער מענש, פונקט ווי אלע איבעריגע לעבעדיגע באשעפענישען, באזיצט א געוויסע מאס ענערגיע, וואס ער האט באקומען בירושה פון זיינע עלטערען צוזאמען מיט זיין קערפער. די ענערגיע דארף דער קערפער האבען כדי צו באטרייבען די לעבענס פראצעסען, וואס געהען אין איהם שטענדיג אן. צוליב זיין עקזיסטענץ מוז דער קערפער שטענדיג, ד. ה. רעגעלמעסיג פאנאנדערשפרייטען און צוזאמענדריקען די לונגען, כדי אריינצוזאפען און ארויסצושטויסען די לופט. די באוועגונגען פון די לונגען איז אן ארבייט, אויף וועלכע עס פאדערט זיך די אנווענדונג פון ענערגיע. ווען די לופט געהט אריין אין די לונגען, קומט דארטען פאר א כעמישער פראצעס דורך וועלכען די בלוטען ווערען גערייניגט. דער כעמישער פראצעס איז א טעטיגקייט, אן ארבייט, וואס פאדערט ענערגיע. א מענש דארף עסען. דאס קייען און אראפשלינגען די שפייז איז א פיזישע ארבייט, וואס פאדערט ענערגיע. דערנאך קומט פאר אין מאגען און אין די קישקעס א כעמישער פראצעס דורך וועלכען דער מאטעריאל פון דער שפייז פארוואנדעלט זיך אין בלוטען. דער כעמישער פראצעס איז ווידער א טעטיגקייט, וואס פאדערט ענערגיע. הייסט עס, אז דער מענש מוז האבען א געוויסע מאס ענערגיע כדי אנצופיהרען די לעבענס פראצעסען פון קערפער.

אבער דאס איז נאך ניט אלעס. א מענש דארף נאך האבען א געוויסע מאס ענערגיע כדי ארויסצוקריגען די מיטלען פאר זיין עקזיסטענץ. א מענש דארף האבען שפייז, קליידונג, א וואוינונג און אנדערע זאכען פון ערשטער נויטווענדיגקייט. די אלע זאכען קען מען קריגען נאר דורך טעטיגקייט און ארבייט. אויף דעם מוז ער האבען א באזונדער מאס ענערגיע, אנדערש וועט ער ניט קענען אנהאלטען זיין עקזיסטענץ אויף דער ערד. אבער דאס איז נאך אלץ ווייניג. א מענש מוז נאך האבען א זאפאס פון ענערגיע אויף א פאל „מאלע וואס עס מאכט זיך". עס קען קומען א מאנגעל אין שפייז, אדער א הונגער; עס קען קומען א קראנקהייט; עס קען קומען אן אנגעשטרענגטער קאמף מיט אנדערע לעבעדיגע באשעפענישען אדער מיט איינער אדער צווייטער ניט גינסטיגער ערשיינונג אין דער נאטור; עס קענען קומען אנדערע עהנליכע פאלען, ווען דער מענש זאל זיין בעצוואונגען אנצואווענדען א גרעסערע מאס ענערגיע ווי געוועהנליך. אויף דעם מוז ער האבען א באזונדער זאפאס פון ענערגיע, אנדערש וועט דער קערפער מוזען באנקראטירען ביי דער ערשטער געלעגענהייט, ווען דער מענש וועט זיין געצוואונגען ארויסצוגעבען עטוואס מעהר ענערגיע, ווי געוועהנליך. ווי אן אויסגערעכענטע באלעבאסטע שפארט אפ אביסעל געלד פון איהר מאנס פארדינסטען אויף א „רעגנעדיגען טאג", אזוי מוז דער קערפער אפ־שפארען א געוויסע מאס ענערגיע אויף א לאנגען טערמין פון א גרעסערער אנשטרענגונג. א זאפאס פון א געוויסער מאס ענערגיע אין דעם קערפער איז א נאטירליכע און אבסאלוטע נויטווענדיגקייט אהן וועלכער לעבען וואלט ניט געקענט עקזיסטירען אויף דער ערד, ווייל יעדע לעבעדיגע באשעפעניש וואלט געמוזט אונטערגעהן ביי יעדער קלענסטער אנשטרענגונג. און אזוי ווי דער זאפאס פון ענערגיע אין דעם קערפער איז אן אבסאלוטע נויטווענדיגקייט, דעריבער וועט דער קערפער אויסדריקען זיין פראטעסט אויף איינעם אדער צווייטען אופן יעדעס מאל, ווען מען וועט וועלען צופיל ציהען פון זיין זאפאס. ווען א מענש וועט אויסנוצען אויף ארבייט יענע ענערגיע, וואס איז איהם געגעבען געווארען צו פארשאפען זיך זאכען פון נויטווענדיגקייט, און וועט אנהויבען ציהען פון זיין זאפאס, וועט ער דערפיהלען א מידקייט. אט די מידקייט איז דער פראטעסט אויסגעשריי, דער ווארנונגס סיגנאל פון קערפער. מיט דער מידקייט גיט דער קערפער צו פיהלען, אז מען ציהט צופיל ענערגיע פון זיינע זאפאסען און ווארנט אז מען זאל זיך אפשטעלען אויב מען וויל ניט אונטערווארפען צו געפאהר דעם גאנצען קערפער.

ארבייטען מיינט אנצוואווענדען ענערגיע מיט'ן צוועק צו פארשאפען זיך זאכען פון נויטווענדיגקייט. יעדער מענש טוט עס מעהר אדער ווייניגער, ווייל אויף דעם איז איהם געגעבען געווארען א באזונדער מאס פון ענערגיע. זאל א נארמאלער מענש ניט ארבייטען וועט זיך אין איהם זעהר גיך אנזאמלען אן איבערפלוס פון ענערגיע, וואס וועט אין איהם ברויזען, וועט איהם מאכען אומרוהיג און באוועגען צו וועלכער עס איז טעטיגקייט אפילו אזא, פון וועלכער ער וועט אפילו קיין דירעקטע נוצען ניט ציהען. רייכע מענשען און בכלל מענשען וואס דארפען ניט ארבייטען כדי צו מאכען א לעבען, זוכען פארשידענע פארגעניגענס ווי רייזעס אין ווייטע לענדער, יאגד, הוליען, און אזוי ווייטער. געוועהנליך זאגט מען, אז זיי טוען עס כדי צו פארפיהלען די צייט. דער אויסדרוק איז אבער ניט קיין ריכטיגער: זיי טוען עס כדי צו געבען אן אויסדרוק, אן אנווענדונג יענעם איבערפלוס פון ענערגיע וואס האט זיך אין זיי פארזאמעלט פון ניט ארבייטען.

שטעלט אריין א נארמאלען מענש אין אזעלכע באדינגונגען, אז ער זאל ניט קענען ארבייטען און צו דער זעלבער צייט ניט קענען פארלירען קיין ענערגיע דורך זארג, דורך פאסטען אדער דורך אנדערע עהנליכע וועגען, וועט ער זיך פיהלען אומרוהיג, ווייל דער איבערפלוס פון ענערגיע וועט אין איהם ברויזען, און אין דעם מאמענט, ווי איהר וועט איהם אפלאזען פריי, וועט ער זיך באלד א כאפ טאן צו ארבייט ווי א הונגעריגער, ער וועט גראבען ערד, שפאלטען האלץ, האקען האלץ און טאן אנדערע עהנליכע ארבייט ניט צוליב וועלכען עס איז מאטעריעלען צוועק, נאר כדי צו געבען אן אויסדרוק, אן אנווענדונג דעם פלוס פון ענערגיע.

אבער די באדינגונגען, וואס עס הערשען אין אונזערע אינדוסטריען זיינען אזעלכע, אז בשעת אן ארבייטער ארבייט אין א שאפ, פאבריק אדער אנדער אינדוסטריעלער אונטערנעהמונג ווענדעט ער אן ניט נאר יענע ענערגיע, וואס איז איהם לכתחילה געגעבען געווארען צו פארשאפען זיך זאכען פון נויטווענדיגקייט, נאר ער איז אויך געצוואונגען יעדען טאג אויסצושעפען כמעט די גאנצע ענערגיע פון זיין זאפאס. ארבייטער זיינען געצוואונגען צו ארבייטען ביז דער פולער קערפערליכער מידקייט, ביז דער פולער אויסגעשעפטקייט פון ענערגיע. נאך דעם, ווי א דורכשניטליכער ארבייטער ארבייט אפ א דורכשניטליכען טאג, איז ער זעהר מיד; ער איז פאלקאם אויסגעשעפט און איז ניט אין שטאנד מעהר צו ארבייטען אהן געפאהר פאר זיין געזונט. דא רעדט מען ניט וועגען איינציגע פאלען, ווען א יונגער, געזונטער ארבייטער פיהלט זיך ניט מיד נאך זיין טאג ארבייט; דא רעדט זיך וועגען דעם דורכשניט. און אין דורכשניט איז אן ארבייטער פארשטענדיג מיד נאך א טאג ארבייט.

אז געדונגענע ארבייטער ווענדען אן ניט נאר יענע ענערגיע, וואס עס איז זיי געגעבען געווארען צו פארשאפען זיך זאכען פון נויטווענדיגקייט, נאר שעפען נאך אויס דעם זאפאס ענערגיע, וואס דער קערפער זוכט אפצושפארען, ווערט דערוויזען דורך פאלגענדע פאקטען:

ערשטענס — דער פאקט אליין, וואס ארבייטער ווערען אויסגעמאטערט נאך א טאג ארבייט, וואס זיי זיינען צופרידען מיט א יום־טוב ווען מען וועט ניט דארפען ארבייטען, וואס זיי זוכען אפצודינגען פון די בעלעבאטים צו ארבייטען מיט א פאר שעה א וואך ווייניגער — דאס אליין איז שוין דער בעסטער באווייז, אז דער קערפער וויל עס ניט ליידען; דער קערפער וויל ניט ליידען, וואס מען רירט אן די זאפאסען פון זיין אפגעשפארטער ענערגיע. וואלט מען די זאפאסען ניט גע־ריהרט, וואלט דער קערפער געוועזען צופרידען צו ארבייטען; דאן וואלט די ארבייט געווען א פארגעניגען, און ניט א שווערקייט. פון דעם ביאלאגישען שטאנדפונקט איז דאס אליין דער בעסטער און געזונדסטער באווייז, אז מען ציהט פון קערפער מעהר ענערגיע, ווי מען איז צו דעם בארעכטיגט.

און צווייטענס — די פראדוקטען, וואס ווערען געשאפען דורך ארבייט, שטייגען איבער א סך מאל די, וואס איז נויטיג אנצוהאלטען דעם עקזיסטענץ. די גרעסטע מאס פראדוקטען, וואס ווערען דורך ארבייט געשאפען, זיינען ניט קיין נויטיגע זאכען, אפט מאל פארשטענדיג איבעריגע זאכען, און אפט מאל זאגאר שעדליכע זאכען. מען פראדוצירט צירונג, קאסמעטיקס, ווייך, בראנפען, טאבאק, ווינען, קריגס שיפען, פעסטונגען, אמוניציע און פילע אנדערע זאכען וואס זיינען ניט וויכטיג, איבעריג, אדער שעדליך. און גראדע אט די איבעריגע פארשלינגען א סך מאל מעהר ענערגיע, ווי נויטיגע זאכען. די ענערגיע, וואס ווערט אנגעווענדעט צו באקליידען א פשוט'ע פויערטע פאר א יאהר צייט איז אומבאדייטענד קליין אין פארגלייך מיט דער ענערגיע, וואס איז נויטיג אנצוואווענדען צו באקליידען א רייכע ליידי פאר דעם זעלבען יאהר צייט. ניט נאר זיינען די קליידער פון א רייכע ליידי א סך מאל קאמפליצירטער, ווי דאס קלייד פון א פשוט'ע פויערטע, נאר זי בייט זיי נאך זעהר פיל א יאהר. מעגליך, אז ערגעץ איז פאראן א פאליטישער, א סאציאלער אדער עקאנאמישער שטאנדפונקט, לויט וועלכען עס קומט אויס, אז קריגס שיפען, פעסטונגען, קאנאנען און אמוניציע זיינען א נויטווענדיגקייט פאר א געזעלשאפט אדער נאציע, אבער פון דעם ביאלאגישען שטאנדפונקט זיינען זיי זיכער איבעריג. אבער אט די אלע זאכען ווערען דאך געמאכט און זיי פארשלינגען א מאסע ענערגיע. די נאטור האט אונז געגעבען גענוג ענערגיע צו שאפען זיך זאכען פון נויטווענדיגקייט; זי האט אונז אבער ניט געגעבען קיין ענערגיע צו שאפען זאכען איבעריגע, ניט נויטיגע. און אויב אזעלכע זאכען ווערען דאך געשאפען, הייסט עס, א מען ווענדעט אויף דעם אן ניט קיין בארעכטיגטע ענערגיע, ד. ה. די ענערגיע, וואס דער קערפער זוכט אפצושפארען אלס זאפאס.

אבער דאס איז נאך ניט אלעס. איינער פון די גרונד־געזעצען פון ביאלאגיע איז געגענזייטיגע הילף צווישען די מיטגלידער פון זעלבען מין (מאנכעס מאל זאגאר צווישען פארשידענע מינים) אויף דעם גרונד פון דעם געזעץ קענען מיר פאדערען, אז א שוסטער, צום ב. ש. זאל מאכען שיך ניט נאר פאר זיך, נאר אויך פאר דעם שניידער, פאר דעם פארמער, פאר דעם בעקער, פאר דעם דאקטאר און פאר אלע נוצליכע מיטגלידער פון

(שלוס אויף זייט 13).

שקלאפען פון דאגמאס

(פעליעטאן)

פון ז. וואהילער.

דורך אלע עפאכעס פון דער מענשליכער געשיכטע ציהט זיך איין געמיינזאמער כאראקטער־שטריך פאר אלע דורות, נעמליך, דאס אויפכאפען און אנהאלטען זיך אין דאגמעס. פון די עשרת הדברות ביז די 21 פונקטען, פון דעם ערשטען שלחן־ערוך ביז דעם לעצטען מעזים, שטעהט דער מענש, ווי א סאלדאט מיט א ביקס און היט און וואכט עס זאל חלילה ניט אנגערירט ווערען קיין אות, קיין ווארט פון די הייליגע דאגמעס. און טרעפט אז איינעם הויבט אן שטיקען די דאגמא ביז חלשות, און ער פרובירט זיך נעהמען באפרייען פון איהר, אזוי ווערט ער פארשריען אלס משוגע'ער און עובר בטל, אדער אלס צושטערער און אפיקורס, אדער אלס רעאקציאנער און קאנטר־רעוואלוציאנער. „הענדס אף!" „האלט ס'מויל!" מען טאר זיך ניט צוריהרען, מען טאר ניט צווייפלען, עס איז הייליג.

וויליאם דזשענינגס ברייען האט גע־פרואווט זיך צוריהרען צו דער דאגמא וואס באהערשט די מענשליכע מוחות פאר די לעצטע פופציג יאהר, צום דארוויניזם, און ער איז תיכף פארשריען געווארען פון אלע זייטען. וואלט ברייען געווען א דייטש, וואלט ער מסתמא געשאפען א נייע פיליזאפישע סיסטעמע צו באווייזען אז דער מענש שטאמט ניט פון א מאלפע; אדער ווען ער זאל זיין א רוס וואלט ער אנגעשריבען א פסיכאלאגישען ראמאן אין אכט בענדער אויסצודריקען זיין צווייפעל אין דארווינ'ס טעאריע וועגען דער אפשטאמונג פון מענשען. ברייען איז אבער א פראקטישער אמעריקאנער. איז ער אויפגעשטאנען און געזאגט: — ניין. דער מענש שטאמט ניט פון קיין מאלפע. גאט האט באשאפען דעם מענשען...

איז דאס אויסגעקומען צו פשוט, צו קלאר און דעריבער האט דאס דער עולם ניט פארשטאנען...

עס איז דאך אזוי באקוועם זיך ארומצוטראגען מיט א פארטיגער טעאריע. די ענטוויקלונג פון דער מענשהייט? פארצייטען, מיטעלאלטער און די נייע צייט. מיר, פון דער נייער צייט, זיינען די גרעסטע שבגרעסטע, די פיינסטע שבפיינסטע. אזוי צייגט דאך די טעאריע. און צווייפלען, חס וחלילה. הויבט איהר אן צווייפלען, קאנט איהר נאך פרעגען: וואס פאר א מין ענטוויקלונג איז פארגעקומען פון ישעיה ביז דזשערדזשינסקי, פון אריסטאטעל ביז פעטלורא, פון האמער ביז דעניקין? און שטעלענדיג אזעלכע פראגען קאנט איהר נאך אנהויבען צווייפלען אין דעם צווייטען חוט המשולש אן וועלכען א מאדערנער ראדיקאל האלט זיך: אין דער דריי אייניגקייט פון בארבאריזם, פעאדאליזם און קאפיטאליזם.

און דאך איז געווען א וואונדער וואס פון קיין ווינקעל האט מען ניט באמערקט דעם רעוואלוציאנערען כאראקטער פון ברייען'ס ארויסטריט; און דעם גרעסטען חלק האט ער ארייגגעכאפט טאקע פון יענע וואס פרעטענדירען צו זיין רעוואלוציאנערען.

שוין ניט רעדענדיג דערפון וואס דורך דארווינ'ס באשטעטיגונג פון דעם כל דאלים גבר, אז די שוואכע דארפען צוגעדריקט ווערען פון די שטארקע, זיינען אלע מאראלישע און עטישע לעהרען אפגעשטופט געווארען אין הינטערגרונד; נאר די גאנצע דעגענעראציאן, די קולטורעלע דעקאדענץ, קאן מען צושרייבען צום דארוויניזם.

נעהמט, למשל, די דראמאטישע קונסט. דער אקטיאר געהט ארויף אויף דער ביהנע און דערזעהט אין דעם אויסגעלאשענעם טעאטער די שורות קעפלאך קרויט. עס טוט איהם באלד א זעץ דער געדאנק: פאר וועמען שפיל איך דא? זיי שטאמען דאך אפ פון מאלפעס! קונסט געבען זיי? כא, כא, כא. און ער הויבט אן פאיאצעווען. און אז דער עולם אפלאדירט ווען דער פארהאנג פאלט איז דער אקטיאר שוין זיכער, אז עס איז זייגען מאלפעס...

און דאס זעלבע אין דער ליטעראטור, אין דער פרעסע, און אין באוועגונגען — מיט וועמען האב איך דא צו טאן? — פרעגט זיך דער פיהרער. און ער דערמאנט זיך אן דארווינ'ס טעאריע... און אפט מאל וויל ער זיין נאך מעהר קאנסערוואטיוו, און ער דערמאנט זיך, אז מענשען שטאמען פון מאלפעס, וועלכע שטאמען פון פערד, וועלכע שטאמען פון בהמות, וועלכע שטאמען פון הינט, וועלכע שטאמען פון חזירים, און אזוי ווייטער, ביז'ן פראטאפלאזם...

זאגאר אין דער ליבע: ווען דער געליבטער לאזט זיך אראפ אויף די קני, דריקט די הענט צו דער לינקע זייט ברוסט, פארגלאצט די אויגען און הויבט אן מורמלען מיט ציטערענדע ליפען דעם באוואוסטען פזמון... דערמאנט זיך די געליבטע אין דעם דארוויניזם, און קוקענדיג אויפ'ן בחור, טראכט זי זיך: פונקט ווי דער אוראנג־אוטאנג...

עס האט דעריבער געמוזט, פריהער אדער שפעטער, אויפשטעהן א מאראליסט, א טאלסטאיאנער, ווי וויליאם דזשענינגס ברייען און ווי די אמאליגע יענקים האבען אהן קיינע טעאריעס זיך באפרייט פאליטיש פון דעם ענגלישען יאך, אזוי זאל ער וועלען מיט פשוט'ע ווערטער זיך באפרייען פון דער דארוויניסטישער דאגמא.

און וואלטען מיר אלע ניט געווען פארשקלאפט צו דער דאגמא, וואלט זיך פון אלע זייטען געטראגען אן אפקלאנג: יא, יא; אמת, אמת; מענשען זיינען געטליכע באשעפענישען און ניט קיין מאלפעס, ניט קיין ווילדע חיות — און אלס מענשען זאלען זיי באטראכט ווערען, פון אלעמען, פון פיהרער פון רעגירער, פון קינסטלער! און ברייען וואלט דאן געווארען א פיהרער פון א רעוואלוציאנערער באוועגונג... אבער מיר זיינען שקלאפען פון דער דאגמא.

די קאנווענשאן דעמאנסטראציע אויפ'ן גרענד סענטראל סטיישאן

פון ד. פינטערשטיין.

אפיציעל האט אונזער 16טע, צוויי יעהריגע קאנווענשאן זיך אנגעפאנגען מאנטאג אין דער פריה, אין קליוולאנד. אומאפיציעל האט די קאנווענשאן זיך אנגעפאנגען פרייטאג, יעהם אייגענער פארנאכט, דעם 28טען אפריל, אין ניו יארק.

דאס איז געווען אויפ'ן גרענד סענטראל סטיישאן, אין דער 42טער סטריט, וואו עס זיינען זיך צונויפגעקומען די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, מיט זייערע פריינד און באגלייטער.

די ספּעציעל קאנווענשאן־טריין איז אפגעפארען ארום אכט אזייגער אין אווענט, אבער ארום זיבען אזייגער איז דער גרויסער סטיישאן שוין פול געווען מיט דעלעגאטען, און די פריינד, וואס זיינען געקומען זיי באגלייטען, זיי זאגען א פּאַטריעטיזם, זיי געבען א ווארימען „סענד אף". עס זיינען געווען מענשען אין יום טוב'דיגע קליידער, האבען געהאט אויף זיך יום טוב'דיגע פּנים'ער און דער אנבליק פון דעם פארפּוצטען גרויסען עולם האט געמאכט א גוטען איינדרוק אויף אייגענע ווי אויף פרעמדע, אויף אלעם וואס האט זיך דעמאלט אויפ'ן סטיישאן געפינען.

און עס איז דארט פארגעקומען א גראנדיעזע אינטערנעשאנאל דעמאנסטראציע. כמעט יעדער אינטערנעשאנאל לאקאל פון ניו יארק האט געשיקט ביקעטען בלומען זיין דעלעגאציע, און דער גרויסער גרענד סענטראל סטיישאן איז אזוי נאך פארוואנדעלט געווארען אין א בלומען־גארטען. וואו מען האט נאר געווארפען א בליק, האט מען געזעהן בלומען, בלומען פון פארשידענע קאלירען און פארבען. דאס האט געהאט א גוטע ווירקונג אויף אלעמען: אויף די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן, אויף די פריינד און באגלייטער, אויף די זייטיגע פאסאזשירען, וואס האבען זיך דעמאלט אויף דעם סטיישאן געפינען, און אפילו אויף די אנגעשטעלטע פון דער ריילראוד קאמפאני — אלע האבען זיך געפיהלט יום־טוב'דיג, אלע זיינען געווען מונטער און פרעהליך, א גוטער שמייכעל האט אויף אלעמענס ליפען גערוהט. אלץ צוזאמען האט מיט זיך פארגעשטעלט א זעהר שעהן בילד, א בילד פון אחדות, פון ארבייטער־איינהייט און סאלידאריטעט. עס איז געווען א דעמאנסטראציע פון דער מאכט פון ארבייטער־איינהייט אין דעם עכטסטען זין.

און איך בין מיר געשטאנען אין א זייט, באטראכט די שעהנע, עהרליכע פאנאראמא און א פרייד האט זיך צוגאסען איבער אלע מיינע גלידער. עס איז מיר דורכגעלאפען אין געדאנק די גאנצע וואונדערליכע געשיכטע פון אונזער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן. איך האב זיך דערמאנט, ווי קליין און ארים עס האבען אויסגעזעהן די דעלעגאציעס צו די ערשטע קאנווענשאנס פון אונזער אינטערנעשאנאל, און האב עס, אין געדאנק, פארגליכען צו דער גרויסער, מיט בלומען־באדעקטער דעלעגאציע, וואס איז פאר מיינע אויגען געשטאנען, און האב קוים געקאנט גלויבען, אז דאס וואס איך זעה, איז א ווירקליכקייט, אז דאס איז ניט עפעס א פאנטאסטישער חלום!

אין דער גרויסער דעלעגאציע, וואס איז אזוי מונטער און פרעהליך געשטאנען פאר מיר, האב איך געזעהן דעם גאנצען פראגרעס, וואס די וואונדערבארע ארגאניזאציע פון די „לײדיס גארמענט וואָרקערס" האט געמאכט אין פארלויף פון דער צייט. ווי שטאלץ די אלע דעלעגאטען האבען עס אויסגעזעהען! ווי גליקליך און צופרידען זיי זיינען עס געווען, וואס זיי זיינען עס געווען די גליקליכע, וועמען די מיטגלידערשאפט פון דער גרויסער, מעכטיגער ארגאניזאציע האט געשענקט דאס צוטרויען און האט זיי אויסגעקליבען אלס פארטרעטער צו דער 16טער, צוויייעהריגער קאנווענשאן פון די אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן.

אבער דאך... ניט ווילענדיג, האט זיך אין הארצען ארייגעגנב'עט די פראגע: זיינען אט דיזע דעלעגאטען אנטוויקעלט גענוג צו פארשטעהן זייער באַרוף? פארשטעהען זיי, וועלכע וויכטיגע מיסיע זיי האבען דורכצופיהרען? וועלען זיי קאנען אין דעם ריכטיגען מאמענט זיך אויפהויבען אויף דער געהעריגער הויך, ווי עס פאסט זיך פאר דעלעגאטען פון דער 16טער קאנווענשאן פון אזא פּראָגרעסיווער און מעכטיגער ארגאניזאציע, ווי עס איז אונזער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט וואָרקערס יוניאן?

און מיט פארשעהנטע בליקען האב איך אויף דאס ניי גענומען באטראכטען די פיעלע דעלעגאטען, יונגע און פרייע, וואס זיינען אויפ'ן סטיישאן געשטאנען, גרייט אפצופאהרען. איך האב באטראכט איין גרופע, א צווייטע, א דריטע, האב זיך איינגעקוקט אין זייערע אויגען, וועלענדיג דערגרונטעווען זיך צו דער נשמה... וועלענדיג דערנעהען, וואס געהט ביי זיי פאר טיף אין הארצען, און — מיין איינדרוק איז געווען צופרידענשטעלענד. זייערע פנים'ער האבען געשטראלט פון פרייד און שטאָלץ; פון זייערע אויגען האט ארויסגעשיינט א באוואוסטזיניגע צופרידענהייט, וואס די מיטגלידערשאפט האט זיי אנפארטרויט מיט דער גרויסער מיסיע, און עס האט מיר געשיינט, אז זיי פארשטעהען זייער באַרוף, אז זיי באגרייפען די סיטואציע, אז זיי פארשטעהען די ערנסטקייט פון מאמענט, און דאס זיי וועלען באנוצען דאס בעסטע וואס זיי האבען אין זיך, ווייטער צו פיהרען די מעכטיגע ארגאניזאציע אויפ'ן ריכטיגען וועג; דאס זיי וועלען ווייטער שמידען די קייט פון איינינקייט און סאלידאריטעט אין אונזערע רייהען און וועלען באזייטיגען אלע שטרויכלונגען, וואס מאנכע בייזע גייסטער וועלען אפשר אונטערשארען די קאנווענשאן!...

איך האב נאך אמאל און ווידער אמאל באטראכט די דעלעגאציעס פון די פיעלע לאקאלס, און פון די טיפעניש פון מיין הארצען האט זיך ארויסגעריסען א ברכה, וואס איך האב זיי מיטגעשיקט: פארט געזונד, שטארקט אייך ברידער, און טוט געטריי און איבערגעגעבען די הייליגע ארבייט, נאך מעהר צו באפעסטיגען אונזער ארגאניזאציע, וועלכע איז מיט אזוי פיל מיה און אפּפערווילליגקייט אויפגעבויט געווארען!

* * *

צום שלוס קאן איך מיך ניט צוריקהאלטען פון זאגען א ווארט וועגען עטוואס, וואס האט זיך זעהר ניט געפאסט אין יענעם מאמענט און וואס האט פאר א ווייליע צושטערט די הארמאניע וואס האט זיך דאנסט געפיהרט ביי דער קאנווענשאן־דעמאנסטראציע אויפ'ן גרענד סענטראל סטיישאן.

אבער זאל דאס זיין געזאגט ריכטיג, אז אין דעם האבען ניט געהאט די שולד די דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן. זיי האבען זיך אויך דאס בייטעכטע אין דעם ניט באטייליגט. דאס האט געטאן דער ערב רב, וואס געפינט זיך אין יעדער גרויסער, שעהנער און נאבעלער באוועגונג.

ווי שוין געזאגט, האבען אלע דעלעגאציעס, און אויך זייערע פריינד און באגלייטער זיך געפיהרט העכסט יום־טוב'דיג, און אזוי האבען זיי זיך אויך געהאלטען, ווי האבען זיך געהאלטען מיט שטאָלץ און מיט ווירדע.

אבער די הארמאניע איז, לייַדער, א ביסעל געשטערט געווארען אין לעצטען מאמענט, דעמאלט ווען די דעלעגאטען האבען אנגעפאנגען דורכגעהן דעם טויער צו דער טריין. דעמאלט האט דער ערב־רב זיך פארקליבען אין א ווינקעל און גענומען פראווען הינטישע שטיק ן — זיי האבען דוקא געוואלט צושטערען די הארמאניע, וואס האט זיך אזוי שטארק געפיהלט צווישען אלע דעלעגאטען אויפ'ן סטיישאן און זיי האבען דארטען אנגעפאנגען זייער טייוולישע ארבייט, צושטערונגס־ארבייט! דאס ערב רב האט געזוכט צו מאכען דעם פאלשען איינדרוק, אז צו דער קאנווענשאן זיינען געפאהרען ניט דעלעגאטען פון א יוניאן, וועמעס באשטרעבען עס איז צו זעהען די יוניאן אלץ איינינער, אלץ שטארקער און מעכטיגער, זאנדערן עס זיינען אפגעפאהרען „פראקציעס" וואס דארפען זיך איינס די אנדערע מאקעפען.

און אט דער ערב רב האט געשריען היסטערישע אורחה פאר „זייערע" דעלעגאטען און „געהוקעט" די דעלעגאטען, וואס געהערען ניט צו זייער קליקע.

גליקליכערווייזע זיינען אט די רציים ניט געווען פיל אין צאהל, בלויז א קליינע גרופע, זיי האבען אבער דורך זייער חוצפה און אומשטעראנץ באוויזען ארויסצורופען געגען זיך עקעל און פאראכטונג פון דער גרויסער צאהל מענשען וואס זיינען דארט געווען, פון די דעלעגאטען ווי פון די מעהרסטע וואס זיינען געקומען די דעלעגאטען זאגען א פאהר־געזונט. און אזעלכע זיינען געווען נאר א סך. אחוץ די פאמיליעס פון די דעלעגאטען זיינען דארט געווען כמעט אלע עקזעקוטיוו באארד מעמבערס פון די לאקאלס און די אלע, מיט גאנץ ווייניגע אויסנאהמען, האבען געקוקט מיט פאראכטונג אויף די „רינקע בוה־לייער".

קורץ און שארף

פון י. ב. ג.

דאס איז שוין די דריטע קאנווענשאן פון דער אינטערנעשאנאל, וואס ווערט אפגעהאלטען אין קליוולאנד, וואו די אינטערנעשאנאל איז געבארען געווארען. איינע אין 1903, א צווייטע אין 1914, ווען ב. שלעזינגער איז אויסערוועהלט געווארען אלס איהר פרעזידענט, און די איצטיגע. פון די דעלעגאטען פון דער קאנווענשאן פון 1903, איז, חוץ פרעזידענט שלעזינגער, נישט קיין איינציגער אויף דער איצטיגער קאנווענשאן. יע, איינצעלנע מענשען קומען און געהען, אבער די עדה, די באוועגונג, די געהט אימער פארווערטס. נישטא קיינער פון די דעלעגאטען פון דער קאנווענשאן פון 1903, אבער די אינטערנעשאנאל לעבט און בליהט. ווי ריזיגארטיג איז די איצטיגע אינטערנעשאנאל אין פארגלייך מיט דער פון 20 יאהר צוריק!

אין סאמלער האטעל, אין קליוולאנד, זיצט לעצטען זונטאג פריה קאכעט און זשומעט, ווי אין א ביהנשטאק. די גאנצע אינטערנעשאנאל־דעלעגאציע איז שוין דא, און יעדער איינער, יעדע איינע, נעהמט זיך זעהר לערנסט. און מיט רעכט. זיינען זיי דאך די שליחים פון די איבער הונדערט טויזענט מענער און פרויען, אויף וועמעס גורל עס איז אויסגעפאלען צו באשטימען די פאליסים, און רעגולירען אויך דעם שיקזאל פון דער אינטערנעשאנאל פאר די נעקסטע צוויי יאהר, וועלכע פארשפרעכען צו זיין די קריטישסטע אין דעם לעבען פון דער גאנצער ארבייטער־באוועגונג.

א חוץ די דעלעגאטען וואס אויף דער קאנווענשאן זיינען שטארק פארטרעטען די פרעסע. איך האב שוין געזעהן לאנג'ן, פון „פארווערטס", וויינבערג'ן, פון „וויסעס ווער", און אויך פארטרעטער פון אנדערע צייטונגען. לויט איך הער, האט אויך „די ניו יארק וואָרלד" געשיקט א ספּעציעלען קארעספאנדענט צו דער קאנווענשאן. איך וויל זיי שוין דא באגריסען מיט „ברוכים הבאים", האפענדיג, אז זיי וועלען, נאר ניט צופארבענדיג, איבערגעבען ריכטיג אלעס, וואס זיי וועלען זעהן און הערען, און דערמיט אליין וועלען זיי שוין בייטראגען צום ערפאלג פון דער קאנווענשאן.

דער אינטערנעשאנאל־ספּעשעל, וואס האט געפיהרט נאך קליוולאנד די באלד צוויי הונדערט דעלעגאטען פון און ארום ניו יארק, איז געקומען נאך קליוולאנד מיט א פאר מינוטען פריהער, ווי מען האט גערעכענט. דערפאר איז שוין במילא אויסגעקומען, אז די קאמיטע פון די קליוולענדער יוניאנס, וואס האט געוואלט באגעגענען די דעלעגאציע, איז געקומען עטליכע מינוטען צו שפעט. אבער דאס האט אויף א האר ניט פארמינדערט די הארצליכקייט פון דעם ברוך הבא, וואס די דעלעגאציע האט געקראגען. און, לויט דער דאזיגער הארציגקייט, קען מען שוין פאראויסזאגען, אז אונזערע דעלעגאטען וועלען געניסען דיזעלבע הארציגע גאסט־פריינדליכקייט, וואס די דעלעגאטען פון דער שיקאגא'ר קאנווענשאן האבען געקראגען פון אונזערע ברידער אין שיקאגא מיט צוויי יאהר צוריק.

פילע אלטע, גוט־באקאנטע פנים'ער טרעף איך צווישען אונזערע דעלעגאטען. אבער אויך פילע נייע. אזוי דארף זיין. וואו נאר ערפאהרענהייט און באגייסטערונג געהען האנד אין האנד, דארט איז דא לעבען, באוועגונג און ערפאלג.

ברודער מארים זיגמאן, ערשטער וויס־פרעזידענט פון דער אינטערנעשאנאל, זעהט ניט קיין סמן פון א רעוואלוציע אויף דעם היגעל פון דער איצטיגער קאנווענשאן. ער האט שוין פילע איינגעלאדענט אויף א וועט, אבער ביז איצט האט ער נאך קיינע בעלנים ניט געפונען.

אונזער גאנצע דעלעגאציע האט זיך באנוצט מיט דער ריזע קיין קליוולאנד, אום צו זעהן און צו באוואונדערען די ניאגארא־פאללס. אפילו די, וועלכע האבען שוין געזעהן דעם דאזיגען נאטור־וואונדער עטליכע מאל, זיינען אויך אויסגעשטיגען, און מיטגעפאהרען און מיטגעגאנגען. ווארים דאס, וואס איז קרעפטיג אין לעבען אזא פילעך לעבען, ווי די ניאגארא־פאללס, דאס קען ניט מיאוס ווערען צו זעהן און צו באוואונדערען פילע, פילע מאל.

דיסטריקט אטוירני באנטאן, פון ניו יארק, זאגט אויס די גוטע בשורה, אז די ארבייט פון דער ניו יארקער פאליס איז אזוי ערפאלגרייך, דאס די האלד־אפּ־גענגסטערס און איינברעכער האבען אנגעהויבען אנטלויפען פון ניו יארק, ווי פון א פייער. גוט פאר ניו יארק, אבער, וואס געבאך מכות די אנדערע שטעדט און שטעדטלאך, וואוהין די דאזיגע חברה מאכט פליטה?

דער שרייבער פון די דעטעקטיוו־סטאריעס, וועלכע זיינען באקאנט אונטער דעם נאמען „ניק קארטער", האט לעצטע וואך באגאנגען זעלבסטמארד, מורא האבענדיג ניט צו פאלען אימיצען צו לאסט אויף דער עלטער. ער איז אלט געווען 61 יאהר, אנגעשריבען, לויט'ן חשבון, ניט ווייניגער פון 40 מיליאן ווערטער. און ווען ער וואלט ניט איבערגעלאזען דעם בריוועל, אין וועלכען ער ערקלערט די אורזאכע, ווארום ער איז באגאנגען זעלבסטמארד, וואלט איינער געמעגט אננעהמען, אז דאס איז געווען די לאסט פון די 40 מיליאן ווערטער, וועלכע האבען געדריקט זיין נשמה, און וועלכע האבען איהם ענדליך געטריבען צו מאכען א סוף צו דער דאזיגער נוצלאזער, און גאנץ אפט שעדליכער, ווערטער־שרייבעריי.

אין וואשינגטאן רודערט זיך מיט א שפאנגעל־נייעם סקאנדאל. די „ארגאניזירטע אינטערעסען" ווערען באשולדיגט אין בארויבען אנקעל סעם אויף שווערע, שווערע מיליאנען, און דאס אונזערע העכסטע רעגירונגס־באאמטע האבען ניט נאר זיי געלאזען, נאר זיי האבען פארפאלגט אלע די, וועלכע האבען נאר א פיפס געטאן וועגען דעם. רעדט זיך אבער ניט איין, אז דערפון וועט עפעס ארויסקומען. גערעכט וועלען בלייבען אונזערע העכסטע רעגירונגס־באאמטע, און ליידען וועלען די, וועלכע האבען ארויסגעבראכט א „שם רע" אויף אונזער רעגירונג און די „ארגאניזירטע אינטערעסען".

איך צווייפעל ניט אויף א מאמענט, אז מר. סעמועל אונטערמייער מיינט עס גוט מיט די יוניאנס, ווען ער שלאגט פאר, אז די יוניאנס זאלען קאנטראלירט ווערען פון די קאורטס. ער מיינט, אז ווייבאלד אין מאנכע יוניאנס ווערען אפט געטאן זאכען, וועלכע קיין ארבייטער־יוניאן וואלט זיך ניט באדארפט ערלויבען, איז נייטיג, אז די קאורטס זאלען קענען עס פארווערען. און ער מיינט עס געוויס אין דער פולסטער אויפריכטיגקייט צו די ארבייטער. אבער ער האט א טעות. אז ער איז ווירקליך אויף א גאנץ פאלשען וועג, קען ער עס אם בעסטען דערזעהן פון דעם, וואס די „ניו יארק טיימס" איז אזוי שטארק פאר זיין פארגעשלאגענעם פלאן.

געראדע איצט, ווען 600 טויזענט מיינער זיינען אין סטרייק, האט מען ארויסגעבראכט אויף דער סצענע דעם מיינער־סטרייק אין וועסט־ווירדזשיניא, און עטליכע הונדערט מיינער־לידערס ווערען פראצעסירט אלס מערדער און רעוואלוציאנערען. אויב דאס ווערט גערעכנט אלס א ספּראַטענאַק צו די איבעריגע סטרייקער, און אלס א התראה צו „בעתיווען", בין איך זיכער, אז דאס וועט ניט האבען די געווינשטע ווירקונג. און אויב יע, וועט עס זיין נאר אין א פארקעהרטער ריכטונג. דאס וועט מאכען די מיינער נאך פעסטער, נאך ענטשלאסענער צו באשטעהן אויף זייערע רעכטע, אלס יוניאן־ארבייטער.

די צרה מיט אונזערע גרויסע שטאאטסמענער איז דאס, וואס מיט אונז, געוועהנליכע שטערבליכע. זיי קומען צום שכל אַביסעלע צו שפעט. „מיר האבען טריאומפירט אין דער מלחמה" — האט ללויד דזשארדזש געזאגט אין זיין רעדע צו די פרעסס־פארשטעהער. — „אבער אונזער זיג וועט ניט אנהאלטען אייביג. אויב אונזער זיג וועט זיך אנטוויקלען אין אונטערדריקונג, וועט מוזען ארויסקומען דער געפיהל פון נקמה". וואלט ער און די אנדערע שטאאטסמענער געמיינט'ס אזוי, ווען זיי האבען פארפאסט דעם פריעדענס־אפמאך פון ווערסאל, וואלט איצט די גענוא־קאנפערענץ געווען אין גאנצען איבעריג, און יורופ וואלט שוין לאנג צוריק געווען אויפ'ן וועג צו איהר גענעזען ווערען.

מעיאר הילאן מיינט, אז וויליאם רענדאלף הוירסט איז אן אידעאלער רעדאקטאר. הילאן איז פאלשטענדיג גערעכט. וויבאלד הוירסט האלט הילאנ'ען פאר אן אידעאלען מעיאר, מוז דאך הוירסט אין הילאנ'ס אויגען זיין דער אידעאלער עדיטאר.

(שלוס אויף זייט 14).

דער סיסטעם פון עפישענסי און זיין באדייטונג פאר די ארבייטער

שלום פון וויס (1)

דער געזעלשאפט, ווייל יעדער פון זיי זעט מען זיין טייל ארבייט פאר דעם שאפער. עס זיינען אבער פאראן אין אונזער געזעלשאפט א גרויסער טייל מיטגלידער, וואס שאפען גאר ניט, וואס ברייננען קיינע נוצען ניט, און נאר פארברויכען די פראדוקטען פון פרעמדע ארבייט. זייער צאהל איז קלענער, ווי די צאהל פון די נוצליכע ארבייטער, דערפאר אבער פארברויכען זיי גראדע די מעהר קאסטבארע פראדוקטען, ד. ה. פראדוקטען, וואס פארשלינגען די גרעסטע מאס ענערגיע. אויף דעם האט די נאטור דעם מענשען קיין באזונדער מאס ניט געגעבען, און אויב מיט פראדוקטען פון ארבייט באנוצען זיך ניט קיין שאפענדע עלעמענטען, הייסט עס אז אויך אט די פראדוקטען איז אנגעווענדעט געווארען ענערגיע, וואס איז געווינען געווארען פון די זאפאסען, וואס דער קערפער זוכט אפצושפארען.

און דא ליגט די געגענזייטיגקייט פון די אינטערעסען פון די בארעבאטים און ארבייטער. די באלעבאטים זיינען דירעקט פאראינטערעסירט ארויסצוקריגען פאר דער זעלבער צייט וואס מעהר ארבייט פון די ארבייטער; און די ארבייטער, פארקעהרט, זיינען דירעקט א ר ג א נ י ש פאראינטערעסירט צו ארבייטען ווייניגער. דאס איז די אינסטינקטיווע שטרעבונג פון דעם קערפער צו באשיצען די אפגעשפארטע זאפאסען פון ענערגיע פון וועלכע די ארבייטער זיינען געצוואונגען צו ציהען ביי היינטיגע באדינגונגען אין די אינדוסטריען.

אבער די איבער האנט אין דעם קאנפליקט איז אלע מאל ביי די באלעבאטים. זיי האבען די מאכט און די מעגליכקייט ארויסצודריקען פון די ארבייטער אלץ מעהר און מעהר ארבייט. די באלעבאטים האבען אלע מאל אנגעווענדעט אלע נייע און נייע מיטלען און מעטאדען ארויסצוקריגען וואס מעהר ארבייט פון די ארבייטער. און ענדליך איז מען געקומען צו דעם סאמע מאדערנסטען, וויסענשאפטליך אויסגערעכענטען מעטאד, וועלכער טראגט דעם נאמען „עפישענסי“. און וועגען דעם וועלען מיר רעדען אין דעם נעקסטען ארטיקעל.

$150 קויפט א באנגאלא

אנגעזעהענע פראפערטיעס צו ניט רייכע פאמיליען, וואס ווילען וואוינען אין קאונטרי, נעבען ניו יארק סיטי.

ספינער, 180 בראדוויי, ניו יארק. נ. י.



גוט צוגעפאסטע אויגען-גלעזער מאכט אייך ריכטיג זעהן.

גוט צוגעפאסטע אויגען-גלעזער קען מען באקומען נאר אויף איין וועג, — די אויגען מוזען עקזאמינירט ווערען פון אן אפטאמעטריסט, וועלכער איז א רעדזשיסטרירטער דאקטאר, און די גלעזער מוזען פארפערטיגט ווערען פון א פעהיגען אפטישאן.

דר. בארנעט ל. בעקער

אפטאמעטריסט און אפטישען

215 איסט בראדוויי, ניער קלינטאן סט.
102 לענאקס עוועניו, נעבען 116טע סט.
895 פראספעקט עווע., נעבען 163טע סט.
170 פיטקין עווע., נעבען ראקאוועי עווע.
262 איסט פארדהאם ראוד, בראנקס.
2313 7טע עוו., צווישען 136 און 137 סט.

קויפט אויסשליסליך

סאלאמביא טהעע
צוועטאטשני טשאי
ווהייט לילי טהעע

אונזער ספעציעלער אפער



וויקטראלאס
גראפאנאלאס
סאנאראס
בראנזוויקס

מיר זיינען באוואוסט איבער די איצטיגע צושטאנדען און מיר זיינען צופרידען צו געבען די לעזער פון די „גערעכטיגקייט“ אויסערגעוועהנליך לייכטע באדינגונגען אויף אלע פאנאגראפס וואס זאל זיין צוגענגליך פאר יעדען ארבייטער.

$100	פאנאגראפס,	$4	א	מאנאט
150	"	6	"	"
200	"	8	"	"
250	"	10	"	"
300	"	12	"	"

פיאנאס — פלעיערס — גרענדס

דאסגלייכען גיבען מיר אויך לייכטע באדינגונגען פאר אלע אונזערע הייגרייד פיאנאס און פליירס. מיר האבען א פולע ליין פון די בעסטע אינסטרומענטס, פונ'ם העכסטען סטאנדארד, וועלכע מיר פארקויפען צו זעהר מעסיגע פרייזען, ווייל מיר שטעלען זיך א גאנץ קליינעם פראפיט. קומט צו אונז און מיר וועלען דאס אייך פאלשטענדיג איבערצייגען.

דזשאזעף ה. מייערס

צוויי גוט-איינגעריכטעטע סטארס.



INTERNATIONAL PHONOGRAPH CO.

103 Essex Street
Near Delancey Street

208 East Houston Street
Near Avenue A

אפען אווענטע
און זונטאגס.

מיוזיק ראלס — רעקארדס

זעכצענטע קאנווענשאן

— פון אונזער —

אינטערנעשאנאל ליידיס גארמענט ווארקערס יוניאן

ווערט אפגעהאלטען

אין בראדערהוד לאקאמאטיוו אינזשעניערס אודיטאריום

קליוולאנד, אהייא

האט זיך נעפענט מאנטאג. דעם ערשטען מאי, 1922 און וועט אנהאלטען צוויי וואכען

אדרעסע פאר טעלעגראמען:

B. of L. AUDITORIUM, CLEVELAND, OHIO.

אדרעסע פאר בריף:

STATLER HOTEL, CLEVELAND, OHIO.

ווי צו זיין געזונד

פון דר. ב. דובאָווסקי

טרינקען. נעקסט צו שפייז שפּילט די וויכטיגסטע ראָלע אין אונזער קערפּער, די וואַסער טייל פון אונזער שפּייז.

וואַסער שפּילט א גרויסע ראָלע אין דער רעגולירונג פון די טעמפּעראַטור פון אונזער קערפּער. זומער און ווינטער ווען אין דרויסען איז הייס אָדער קאַלט, איז די טעמפּעראַטור פון אונזער קערפּער די זעלבע. אום צו קענען אויסהאַלטען א שטענדיגע טעמפּעראַטור אונטער פאַרשידענע אומשטענדען, האָט אונזער קערפּער א ספּעציעלען קאָמפּליצירטען מעכאַניזם וואָס רעגולירט די היץ פון קערפּער. און וואַסער איז איינע פון די הויפּט פאַקטאָרען אין דיזען מעכאַניזם.

ווען די אינערליכע היץ פון אונזער קערפּער שטייגט צו איהר נאָרמאַלען גראַד, וואָס איז זעהר שעדליך פאַר'ן קערפּער, באַנוצט דער קערפּער דאָס וואַסער פּטור צו ווערען פון די עקסטראַ מאָס היץ. דאָס וואַסער ווערט אַרויסגעשיקט פון קערפּער דורך ספּעציעלע עפענונגען אין אונזער הויט און ווערט אויסגעדאַמפּט. אום צו קענען אויסדאַמפען פאַרברויכט דאָס וואַסער היץ פון קערפּער און דערמיט ווערט אונזער קערפּער אָפּגעקיהלט. דיזען פּראָצעס פון אויסדאַמפען וואַסער דורך די הויט פון קערפּער רופען מיר „שוויצען".

אונזער שוויים דינט דאַרום אַלס א „סייפטי וואַלוו" דורך וועלכע דער קערפּער ווערט פּטור פון דער איבעריגער היץ. ווייל דיזע היץ וואָלט פאַראורזאַכט גרויס שאַדען אין קערפּער אויב זי זאָל דאָרטען פאַרבלייבען.

דאָס וואַסער וואָס דער קערפּער שוויצט אויס נעהמט שוין פאַר איין וועגס אויך מיט מאַנכע זאַלצען וואָס דער קערפּער שיקט געוועהנליך אַרויס דורך די נירען. ווען דער שוויים טריקענט אויס פאַרבלייבען דיזע זאַלצען אויף דער הויט. מיט דער צייט ווערען זיי אויסגעלעזט און גיבען אַרויס אַן אונאַנגענעהמען גערוך. דערפאַר דאַרפען מיר זיך אָפט באָדען, וואַשענדיג דעם קערפּער מיט וואַסער אום אָפּצוּוואַשען דיזע זאַלצען וואָס בלייבען איבער פונ'ם שוויים אויף אונזער הויט. זומער צייט שוויצט דער קערפּער מעהר, און דאַרום דאַרף מען זומער צייט זיך אָפטער באָדען.

די וויכטיגע ראָלע וואָס וואַסער שפּילט אין אונזער לעבען קען מען זיך משער זיין דאַן ווען מען איז געצוואונגען א קורצע צייט זיך צו באַגעהן אָהן וואַסער. דער טייפעל זעלבסט קען ניט אויסטראַכטען קיינע גרעסערע ליידען ווי די ליידען פון דעם וואָס געהען אויס פון דאָרשט.

פון ניט עסען שטאַרבט מען אויך, אָבער דער טויט קומט פּשוט דערפון וואָס די כחות געהען לאַנגזאַם אויס. הונגער ליידעט מען בלויז די ערשטע טעג, דאַן ווערען די הונגער געפיהלען ווי באַטויבט, די כחות געהען לאַנגזאַם אויס, דער קערפּער ווערט וואָס אַמאָל שוואַכער, ביז דער לעבענס פלאַם לעשט זיך אויס.

אַנדערש איז דער פאַל מיט די וואָס שטאַרבען פון דורשט. עס איז נאָך קיינער ניט געשטאַרבען פון דורשט ביים פולען באַוואוסטזיין. אָהן אויסנאַהמע, פאַרלירט יעדערער זיין פאַרשטאַנד איידער די ענדע קומט. און די שרעקליכע ליידען וואָס טרייבען איינעם צו וואַהנזין קען מען דען מיט ווערטער ניט איבערגעבען. די מענשליכע פאַנטאַזיע איז אָרעם צו קענען זיך מאַכען א באַגריף פון דיזע ליידען ווען מען האָט זיי אַליין ניט דורכגעלעבט.

צו געבען א ביישפּיל וואָס יעדער זאָל קענען פאַרשטעהן, לאָמיר דאָ פאַרגלייכען דעם מענשליכען קערפּער צו א סטים אינדזשין. דער אינדזשין נויטיגט זיך אין קוילען, לופט און וואַסער. ווען מען פאַרשטעלט דעם לופט צוג ווערט דאָס פייער אין אינדזשין דערשטיקט. ווען מען הערט אויף צו געבען קוילען נעהט דער פייער ביסלאַכווייז אויס. דער אינדזשין שטאַרבט מיט א לאַנגזאַמען, רוהיגען טויט. אָבער ווען קוילען און לופט איז דאָ גענוג, נאָר דאָס וואַסער ווערט אויסגעטריקענט, ווערט דער אינדזשין שטאַרק דערהיצט, און שטאַרבט מיט א געוואַלדזאַמען טויט — ער פּלאַצט.

עטוואָס עהנליכעס פּאַסירט אין קערפּער. אָהן לופט ווערט דער מענש שנעל דערשטיקט, אָהן שפּייז שטאַרבט ער א לאַנגזאַמען, ניט נאָר שמערצליכען טויט. אָבער אָהן וואַסער ווערט דער קערפּער איינגעשרומפּען, די צעלען פאַרלירען זייער לעבענסזאַפט. דער טויט איז א לאַנגזאַמער אָבער א העלישער, די ליידען זיינען אַזוי שרעקליך, דאָס דער מענש ווערט וואַהנזיניג איידער דער טויט ערלייזט איהם פון זיינע שמערצען.

עס איז דאַרום קיין צווייפעל ניט דאָס אונזער קערפּער נויטיגט זיך אין וואַסער, און דאָס יעדער מענש דאַרף טרינקען יעדען טאָג א געוויסע מאָס וואַסער. אָבער וויפיל דאַרף יעדער מענש טרינקען? ווי אַזוי קען א מענש וויסען צו ער טרינקט גענוג וואַסער?

גליקליכערווייזע האָט די נאַטור אונז אין דיזען פאַל, פּונקט ווי אין פילע אַנדערע פעלע, באַזאָרגט אַזוי דאָס עס בלייבט גאַנץ ווייניג פאַר אונז זעלבסט צו טאָן אויסער ניט צו שטערען נאַטור'ס אַרבייט.

די גרעסטע טייל פון די וואַסער אין וועלכע אונזער קערפּער נויטיגט זיך קריגען מיר אין אונזער שפּייז.

איהר געהט, צום ביישפּיל, אַריין אין א רעסטאָראַנט און אָרדערט א „סטייק", איהר עסט אָפּ צו זאַט און לאָזט זיך אויס פון דער טעאָריע דאָס דער קערפּער נויטיגט זיך אין וואַסער פּונקט אַזוי ווי אין שפּייז, אייער לאַבען איז אָבער אומזיסט, ווייל פאַר העכער א העלפט פונ'ם געלט וואָס איהר האָט באַצאָהלט פאַר'ן „סטייק" האָט איהר געקראָגען פּשוט'ע וואַסער. דאָס פלייש וואָס מיר עסען ענטהאַלט אַרום זיבעציג פּראָצענט וואַסער.

אויב איהר רעכנט, דאָס איהר וועט בעסער טאָן, ווען איהר וועט עסען „טשיקען" (עוף) אַנשטאָט פלייש, האָט איהר א טעות. דאָס פלייש פון טשיקענס ענטהאַלט אויך אַרום זיבעציג פּראָצענט וואַסער און פאַר דעם סאָרט וואַסער באַצאָהלט מען נאָך טייערער.

דאָס זעלבע איז מיט אָלערליי פיש — 75 פּראָצענט וואַסער, שוין אַריינגערעכענט אויך דעם קבצנ'ישען הערינג.

און אויב איהר וועט אויף להכעיס עסען לאָבסטערס אָדער איסטערס, וועט איהר זיך נאָך מעהר אָפּנאַרען. 79 פּראָצענט פון לאָבסטערס און 86 פּראָצענט פון איסטערס באַשטעהט פון וואַסער.

און איידער איהר ווערט א וועגיטאַריאַנער אויס כעס אויף די פליישען און פיש וואָס ענטהאַלטען מעהר וואַסער ווי סאָלידע שפּייז, וועט אייך אפשר אינטערעסירען אויסצוגעפינען דאָס: עפּעל ענטהאַלטען 84 פּראָצענט וואַסער; באַנאַנעס — 75 פּראָצענט וואַסער; פייגען (פרישע) — 79 פּראָצענט; אָרענדזשעס 86 פּראָצענט; לעמאָנס — 89 פּראָצענט; סטראָבערים — 90 פּראָצענט, וואַטערמעלאָן — 92 פּראָצענט, און אפילו די אויסגעטריקענטע, איינגעשרומפּענע ראָזינקעס וואָס האָבען ראָכט זיך קיין טראָפּען פייכטקייט ניט, ענטהאַלטען אויך 14 פּראָצענט וואַסער.

אין דער וועלט פון ווערדזשעטייבעלס איז דאָס וואַסער נאָך מעהר פאַרשפּרייט. קרויט ענטהאַלט 90 פּראָצענט וואַסער, רעטאַך — 91 פּראָצענט וואַסער, אוגערקעס — 95 פּראָצענט וואַסער טאָמייטאָס 94 פּראָצענט וואַסער, און אפילו די ביטערע ציבעלע ענטהאַלט העכער 87 פּראָצענט וואַסער. פון מילך, קרים און זופּ איז דאָך שוין אָפּגערעדט. עס איז ניטאָ קיין איינציגע שפּייז אַרטיקעל צווישען די וואָס מיר עסען וואָס זאָל ניט ענטהאַלטען א גרויסען פּראָצענט וואַסער.

דאָס איז דערפאַר, ווייל אונזער שפּייז באַשטעהט דורכאויס פון לעבעדיגע שטאָפען, טייל'ען פון חיות, ווי פלייש, פיש, מילך אייער, א. א. וו. אָדער פּראָדוקטען, וואָס זיינען אויך לעבעדיגע באַשעפעניסען, און קיין לעבעדיגע באַשעפעניש קען ניט עקזיסטירען אָהן וואַסער.

אָבער דאָס וואַסער וואָס מיר קריגען מיט אונזער שפּייז איז ניט גענוג פאַר אונזער קערפּער זומער, ספּעציעל, פאַרלירען מיר פיל וואַסער דורך דער הויט אין דער פאָרמע פון שוויים. ווינטער פאַרלירען מיר מעהר וואַסער דורך די נירען. אין יעדער צייט פון יאָהר פאַרלירען מיר מעהר וואַסער ווי אונזער שפּייז ענטהאַלט. מיר מוזען דאַרום טרינקען וואַסער אויסער די וואַסער וואָס מיר עסען.

וויפיל? דאָס איז שווער צו באַשטימען אַלס א כלל פאַר אַלעמען, ווייל די מאָס קען ניט זיין די זעלבע פאַר אַלע מענשען גלייך, און גלייך אין אַלע צייטען פון יאָהר, פּונקט ווי די מאָס שפּייז וואָס מיר עסען איז ניט גלייך פאַר אַלעמען, און אין אַלע צייטען.

וואָס א ריזען שטאַרקער פּאַקען־טרעגער קען אויפעסען אין איין מאָלצייט, קען זיין גענוג פאַר דריי אָדער פיר קליינע, ניט גאַנץ שטאַרקע אָפּיס קלוירקס, וואָס זיצען א גאַנצען טאָג איבער זייערע ביכער און טוען זייער ווייניג פיזישע אַרבייט. זעלבסטפאַרשטענדליך דאַרף די מאָס וואַסער וואָס דיזע צוויי קלאַסען מענשען דאַרפען טרינקען אויך זיין פאַרשידען.

אָבער אין דורכשניט איז זעקס גלעזער וואַסער א טאָג די קלענסטע מאָס וואָס א דורכשניטליכער מענש דאַרף אויסטרינקען יעדען טאָג. אויב ער קען טרינקען מעהר איז בעסער.

א הייסע גלאָז וואַסער אין דער פריה איז ניט נאָר גוט אַלס א טרונק בעפאָר „ברעקפעסט" (פרישטיק) נאָר עס העלפט אויך „רעגולירען דעם מאָגען". א גלאָז וואַסער אָדער צוויי צווישען ערשטען און צווייטען מאָלצייט, א צוויי גלעזער וואַסער צווישען צווייטען און דריטען מאָלצייט, און א הייסע גלאָז וואַסער פאַר'ן געהן שלאָפען, די לעצטע גלאָז וואַסער וועט אין פילע פעלע אויך העלפען אַנטשלאָפען ווערען.

קורצע שמועסען

צווישען דעם רעדאַקטאָר :: און די לעזער ::

נ. ש. — איהר בקשה צו פאַרעפענטליכען אייער „עסקיז" וואָס שילדערט, קענען מיר, לייידער, ניט ערפילען, ווייל עס זיינען דאָ אויף דער רייח פילע, וועלכע וואַרטען שוין א לענגערע צייט. וואָס אַנבעטרעפט דעם צווייטען פּונקט אין אייער בריוועל, זעהט אונז ווען מיר וועלען צוריקקומען פון קליוו־לאַנד.

י. שמערן. — לויט אונזער מיינונג זיינט איהר אַביסעלע אונגערעכט. דער, וואָס געהט אַרום דערצעהלענדיג, אַז עס זיינען דאָ וועלכע און וועלכע קלאַנגען, ווערט דורך דעם אַליין א מיטהעלפער אין דער פאַרשפּרייטונג פון דיזע קלאַנגען. און די קאָמיטע האָט געהאַט א רעכט צו רופען אייך ניט אַלס אַנקלעגער, נאָר, לכל הפחות, אַלס עדות. אין אייער בריף מאַכט איהר אייך באַהויפּטונגען, וועלכע זיינען ניט פּאַסיג פאַר א פאַראַנטוואָרטליכען מענשען, ווען ער קען זיי ניט באַווייזען. און אויב איהר קענט זיי יאָ באַווייזען, האָט איהר באַדאַרפט עפענטליך אַנקלאָגען יענע מענשען. נאָר דאָס איז שוין אַן אַנדער געשיכטע, וואָס האָט מיט דער איציגער אַנגעלעגענהייט ניט צו טאָן. אין אַלגעמיין וואָלטען מיר געזאָגט, אַז דוקא די, וועלכע האָבען געאַרבייט און געהאָלפען דער יוניאָן אין אַלע צייטען, דאַרפען זיין באַזונדערס פאָרזיכטיג מיט זייערע רייד געגען זייערע געגנער. ווייל דאָס גיט דעם געגנער א שטאַרקע וואָפע ווי צו באַקעמפען...

א. בוניאָן, לאָס אַנדזשעלעס. — דעם בריוועל, וואָס א געוויסער בוניאָן האָט צוגעשיקט, האָבען מיר שוין לאַנג ניט. מיר קענען איהם דאַרום אויך ניט צושיקען. דאָ זאָל נאָר ערקלערט ווערען, אַז לויט אייער ערקלערונג, האָט דער שרייבער פון דעם בריף וועגען ברודער לענטש זיך באַנוצט מיט אייער נאָמען, און דאָס א י ה ר, דער אמת'ער בוניאָן, ווייסט ניט פון וואָס צו זאָגען. מיר קענען איצט, ניט האָבענדיג מעהר דעם בריף פון דעם פאַלשען בוניאָן, פאַרגלייכען די האַנדשריפטען. אָבער, וויבאַלד איהר ערקלערט, אַז דאָס זיינט איהר ניט, און דאָס אַן אַנדערער האָט זיך באַנוצט מיט אייער נאָמען, האָבען מיר קיין גרונד צו צווייפלען אין דעם. „אויסדריקען, אַלזאָ, דעם פּראָטעסט געגען א געוויסענלאָזען פוילינג" איז איבעריג, ווי באַלד איהר קענט ניט אָנווייזען אויף איהם. מיר וועלען אין דער צוקונפט בריף פון אַזאַ כאַראַקטער מוזען באַהאַלטען פאַר א לענגערע צייט, כדי מען זאָל קענען באַשטראָפען אַזעלכע חברה־לייט, וועלכע פאַרלוימדען. פאַר דער יוניאָן און איהר מאָראַל איז עס באַזונדערס וויכטיג פּטור צו ווערען פון אַזעלכע שרצים.

מ. ראָט, לאָס אַנדזשעלעס. — עס איז זעהר שעהן פון אייך, וואָס איהר נעהמט אויף זיך, אַלס טשערמאַן פון לאָקאַל 52, די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם הענדביל. אָבער ברודער לענטש ענטזאָגט זיך ניט פון זיין פאַראַנטוואָרטליכקייט. ער זאָגט ניט, אַז ער האָט עס געטאָן אַלס „באַצאָהלטער באַאַמטער", וועמען די יוניאָן האָט געהייסען אַזוי צו האַנדלען. ער איז מאַן גענוג צו ערקלערען, אַז ער האָט געגלויבט, דאָס ער האָט געהאַנדעלט אַזוי ווי ער האָט געפיהלט. עס איז ריכטיג. דערפאַר איז אייער נעהמען די פאַראַנטוואָרטליכקייט אויף זיך אין גאַנצען ניט נויטיג. און אַז עס איז שוין געקומען צו רייד, ווילען מיר אויסדריקען אונזער מיינונג, אַז א „באַצאָהלטער באַאַמטער" טאָר ניט זיין קיין בלינדער וועקצייג פון דער יוניאָן; אַז אין פראַגען, אין וועלכע ער צוגעהט זיך ניט מיט דער יוניאָן, און אויב זיי זיינען פון א וויכטיגען כאַראַקטער, האָט ער א ברירה צו רעזיגנירען, און ניט מוזען האַנדלען געגען זיינע בעסערע איבערצייגונגען. נאָר אויף אַזאַ אופן קען דער באַצאָהלטער באַאַמטער ערוואַרטען דעם רעספּעקט פון זיין יוניאָן און פון דער אויסערער וועלט אין אַלגעמיין.

ה. לייוויק. — אונמעגליך געווען צו זיין אויף דעם באַנקעט זיך צו זעגענען מיט פריינד אָפּאַטאָשו, ווייל מיט א טאָג פריהער האָבען מיר געמוזט פאַרלאָזען ניו יאָרק פאַר קליוולאַנד. וועלען אָבער ניט פאַרפעהלען צו זיין צו דער שמחה'לע, וועלכע וועט זיכער פאַראַנשטאַלט ווערען ביי זיין צוריקקומען, און ווען ער וועט אונז קענען דערצעהלען גאַנץ אינטערעסאַנטע זאַכען פון אונזער שריפטשטעלער־וועלט אין יוראָפּ.

עקזעקוטיוו באָארד לאָקאַל 52, לאָס אַנדזשעלעס. — ווען דער רעדאַקטאָר האָט געענטפערט אויף יענעם ליפלעט, האָט ער פריהער זיך דערקונדיגט די פאַקטען דורך דעם דזשענעראַל אָפיס. נאָר ווען אפילו די פאַקטען וואָלטען געווען צו גונסטען פון אייער קלוים, אַז דער דזשענעראַל אָפיס האָט פאַרנאַכלעסיגט די אינטערעסען פון אייער לאָקאַל, דאָן איז דער צירקולאַר געווען א זעהר אונפּאַסענדער, זיכער ניט פאַר א לאָקאַל, וועלכע פיהלט זיך אַלס א טייל פון דער אינטערנעשאָנאַל. זאָל דאָ נאָר אַמאָל ערקלערט ווערען, אַז די אינטערנעשאָנאַל האָט געטאָן דאָס בעסטע פאַר דעם לאָקאַל פון לאָס אַנדזשעלעס. פּראָבירט צוזאַמענרעכענען אַלעס, וואָס אייער לאָקאַל האָט געגעבען דער אינטערנעשאָנאַל און וואָס ער האָט פון איהר געקראָגען, און איהר וועט זיך איבערצייגען אין דעם, אַז די אינטערנעשאָנאַל האָט ניט נאָר ספּענדעט אַזוי פיל געלד, וויפיל איהר האָט געוואָלט, אָדער וויפיל עס איז נויטיג, אָבער וואַרום פרעגט איהר זיך ניט, אויב די אינטערנעשאָנאַל איז ג ע ו ו ע ן א י ן ש ט א נ ד ד א ס צ ו ט א ן? אייער ערקלערונג ווערט פאַרעפענטליכט.

ב. טענענהאָלץ. — מיר האָבען ניט געוואוסט, אַז אַן אַנדער צייטונג האָט א „פּאָטער" מיט דעמזעלבען נאָמען. אָבער מיר זעהען ניט איין, וואו איז דער אומגליק. אַז דער נאָמען איז דערזעלבער, אָבער דער אינהאַלט איז דאָך א גאַנץ, גאַנץ אַנדערער, און מיר זעהען ניט איין די נויטווענדיגקייט צו בייטען דעם נאָמען. ער דריקט אויס דאָס, וואָס מיר ווילען, און דאָס איז גענוג.

ב—אָוו. — יאָ, געלויבט, אָבער וואָס איז די פעולה, וואָס דער היגער אַרטיקעל איז שוין גאָר נישקשה, אַז איהר זעהט ניט ווייטער, וואָס קען זיין נעקסטע וואָך? די ניער אויפגעהאַלטענקייט — דאָס איז עס, וואָס ערגערט אונז...

יעקב נאַטליב. — מיר פאַרעפענטליכען אייער בריוועל מיט פאַרגעניגען, ווייל מיר ווילען האָפען, אַז גאָר פילע צו אייך האָבען געפיהלט דאָסזעלבע, ווען זיי האָבען איבערגעלייענט אונזער עדיטאָריאַל אין דער „גערעכטיגקייט" און די באַגריסונג צו אַב. קאַהאַן און „פאָרווערטס". מיר פיהלען, אַז מיר האָבען א רעכט צו פאַרעפענטליכען אייער בריוועל, ווייל עס איז גאָר קיין צווייפעל ניט, אַז פילע האָבען אונז געשאָלטען מיט מיאוסע קללות פאַר די אַרטיקלען. נו, איז דאָך ניט מעהר ווי רעכט געגענצושטעלען כאָטש איין ברכה געגען די פילע קללות, וואָס האָבען זיך געשאָטען אויף אונז. נאָך עפּעס, דאָס, וואָס מיר האָבען אַרויסגעזאָגט, קומט פון אונזער טיפען האַרצען. און מיר רעכענען, אַז פּונקט, ווי פאַר אייך איז פילעס קלאָרער געוואָרען דורך דיזע אַרטיקלען, אַזוי וואָלט עס געווען דער פאַל מיט פילע אַנדערע, ווען זיי וואָלטען זיי געלעזען. עס איז דאַרום אייער פליכט פאַרשפּרייטען די גוטע אַרבייט צווישען אייערע באַקאַנטע און פריינד, וועלכע האָבען די אַרטיקלען ניט געלעזען, דורך א גוטע, מינדליכע אויפקלערונג. דאָס קען פיל העלפען צו דער באַדייטענדער פאַרקלערונג פון דער מוחות־צומישעניש, וועלכע הערשט איצטיגער צייט, און וועלכע מאַכט מעגליך פאַר אָלערליי נאַרען צו מאַכען זיך אַזוי וויכטיג אין אונזער לעבען.

מ. זווירין. — עס איז געווען ווירקליך א פאַרגעניגען, וואָס אין דער „גערעכטיגקייט" איז גאַרניט געווען וועגען דער סאָציאַליסטישער קאָנווענשאָן אין קליוולאַנד. אָבער, צוריק געקערט, איז דאָך ניטאָ פיל וואָס צו ריידען איצט, איידער די קאָנווענשאָן האָט געטאָן איהר אַרבייט. די נייעס איז דאָך באַקאַנט געמאַכט געוואָרען דורך די טעגליכע און אַנדערע צייטונגען, וועלכע זיינען דירעקט סאָציאַליסטיש. עצות געבען — דאָס האָבען מיר ניט שטאַרק ליב; א חוץ דעם, האַלטען מיר זיך גאָרניט פאַר אַזוי קאָמפּעטענט. מיר האָפען אָבער, אַז די איצטיגע קאָנווענשאָן וועט העלפען דער פּאַרטיי צו קומען צו זיך. איבערהויפּט שיינט עס אונז אַלס א גוטער סמן, דאָס די סאָציאַליסטען אין אַלגעמיין האָבען אָנגעהויבען צו אַנערקענען, אַז אין אַמעריקא, ווי אַנדערשוואו, איז קיין האָפנונג ניטאָ פאַר דעם סאָציאַליזם אָהן דער גרויסער אַרבייטער־באַוועגונג, און דאָס די אַרבייטער־באַוועגונג קען מען ניט „קאַפּטשורען" דורך אָלערליי טריקס, נאָר מען מוז אַרבייטען מיט אַלע כוחות אין איהר און פאַר איהרע אינטערעסען, אַז מען זאָל קענען האָפען, דאָס ביסלאַכווייז, ביסלאַכווייז וועלען די גרויסע אַרבייטער־מאַסען ווערען דורכגעדרונגען פון אונזערע אידעאַלען, און זיי ניט באַטראַכטען מעהר אַלס אַן אוטאָפּיע. עס שיינט, אַז די סאָציאַליסטישע פּאַרטיי נעהמט אַלץ מעהר און מעהר אין דער אויבען־אַנגעצייכענטער ריכטונג. און, אויב זי וועט נאָר בלייבען אויסגעהאַלטען און ניט דערשרעקען זיך פאַר דעם געפילדער, וואָס וועלען אויפהויבען מסתמא איהרע ביידע פליגלען, סיי די רעכטע און סיי די לינקע, צווייפלען מיר גאָר ניט, אַז ענדליך, ענדליך וועט דער סאָציאַליזם פאַסען טיפע וואָרצלען אין דעם אַמעריקאַנער באָדען — עטוואָס, וואָס איז ביז איצט געווען בלויז א טרוים.

דרעסס און וויסט מאַכער

אויפמערקזאם!

נעמענדיג אין אנבאטראכט דאס מאַנכע דרעסס און וויסט שעפער באשעפטיגען ניט קיין קאַטער, וועלכער איז א מעמבער פון דער יוניאָן, דארום איז באשלאָסען געווארען דאס אין אירגענד וועלכען שאָפּ, וואו ס'וועט אויסגעפונען ווערען אזא פארלעצונג, וזי אויך וועגען ניט ריכטיג אויפפאסען דאס די עמבראַידערי ווערט געמאכט ניט אין קיין יוניאָן שאָפּ, וועט די יוניאָן האַלטען פאַראַנטוואָרט־ליך דעם שאָפּ־טשערמאַן און אין פעלע פון פאר־לעצונג, וועט דער טשערמאַן גערופען ווערען צו דער גריוועָנס באַאַרד.

מיט גרוס,

דושאָינט באַאַרד דרעסס און וויסט מאַכערס יוניאָן

דושיי האַלפּערין, דושענעראל מענעדושער

מ. ק. מאַקאָוו, דושענעראל סעקרעטאַר.

האַרדינג צוזאָגט זיך צו זעהן די קינדער פון די פּאָליטישע אַרעסטירטע

[illegible]

„מיר ווילען פארבייגען די פאַמי־ליען פון פיעל הייזער, וועלכע ווילען ביז איצט ניט ארויסגעבראכט געוואָ־רען", האט מרס. או'הער געזאגט.

דער אטאַרני דושענעראל האט ער־קלערט צו דער דעלעגאציע, אז ער סימ־פּאטיזירט מיט די פאמיליעס פון די ארעסטירטע און אז ער וועט זעהן וואס ער קען טאן, [illegible]

די קאמיטע האט מיט דעם אטאַרני דושענעראל גע'טענה'ט א האלבע שטונ־דע צייט.

קלאָוקמאַכער

אויפמערקזאם!

קאַמפּליינטס פון קלאָוק שעפער

ווערען אויפגענומען ווי בעפאר

אין די אָפיסעס פון דושאָינט באַארד

40 א. 28טע סט. קלאָוק און ריפער שעפער אויפ'ן 1טען פלאָר.

דרעס און סקוירט שעפער — אויפן 2טען פלאָר.

פּראַטעקטיוו שעפער אויפ'ן 3טען פלאָר.

קאַמפּליינטס פון דאַון־טאַון קלאָוק שעפער

ווערען אויפגענומען

אין דעם דאַונטאַון אָפיס

35 איסט 2טע סטריט, קאָרנער 2טע עוועניו.

די קלאָוקמאַכער, וואס האָבען קאַמפּליינטס צו מאַכען, זאָלען זיך ווענדען אין די אויבענדערמאָנטע פּלעצער.

איזראעל פיינבערג,

דזשענעראל מענעדזשער.

דעזיינערס פון

פרויען קליידער ווערען א סך פארלאַנגט

א גוטע פּראָפעסיע פאר מענער און פרויען!

אין דעזיינינג פאר פרויען, מיסעס און קינדערשע קליידער א קורס אין מיטשעל סקול מיינט א בעל־דיגע פּאָזישאן און א גרויסע געהאַלט.

די מיטשעל סקול איז געגרינדעט דעזיינינג, פּעטערן מייקינג, גריידינג און פיטינג פאר פרויען קליידער. עטאבלירט איבער 50 יאָהר מיט דעם גרעסטען ערפאָלג.

ניע אידעען
ניע סיסטעמען
בעסטע מאַטאָדען
בעסטע רעזולטאַטען

פּריוואַט אינסטרוקציע. טאג און אָוונט קלאַסען. גוטע באַדינגונגען. שרייבט, טעלעפאָנירט אָדער קומט פאר א פרייען בוקלעט מיט פולער אינפאָרמאַציע.

פרייע דעמאַנסטריישאן אין אונזער סקול.

אָוונט קלאַסען: מאָנטאג, מיטוואָך און פרייטאג

דעמאַנסטריישאן פריי אין דער סקול.

MITCHELL DESIGNING SCHOOL

15 WEST 37th STREET, NEW YORK

Phone: Fitz Roy 1674

Boston Branch: 463 Washington Street, Dexter Building.

באָטאָן טאַון אָפיס פון די קלאָוס־ מאַכער יוניאָן מופט

אין 33 טע 2 סטריט

די נעקסטע היים פון דעם יעצטיגען אָפיס.

[illegible] פון 1טען מערץ אָן און ווייטער זאָלען די קאַמפּליינטס געבראַכט ווערען אין דעם ניעם אָפיס.

אין נאָמען פון דושאָינט באָארד,

מ. דוש. ריגנער, קאַמפּליינט קלערק.

האַרלעם סאָציאַליסטישער עדיוקיישאָנאַל סענטער

62 איסט 106טע סטריט,

צווישען פּאַרק און מעדיסאָן עוועס.

צו פארדינגען א גרויסען האָל

קאָן אריינגעמען 600 מענשען

פאר קאָנצערטען, בעלער, פּאַרשטעלונגען, חתונות און אז. וו.

אויך אָפיסעס און מיטינג רומס.

אָפען יעדען טאָג ביז שפּעט ביינאַכט.

טעלעפאָן: האַרלעם 9020.

יצחק אייזיק הורוויטש

לאָ אָפיס

280 בראָדוויי

רום 431 — טעלעפאָן וואָירטה 1936

טעלעפאָן גרעמערסי 2441

די לעאָנאַרד פּרעס

42 איסט 23טע סט., ניו יאָרק

קורץ און שארף

(שלוס פון זייט 10)

אז וועלען קריגען א היבשע הלואה, און אז ניט וועלען צוזאגען מיט א פולען מויל, אז די אלטע חובות וועלען באצאהלט ווערען, דאס קען מען קענען... אבער פוינקארע וועט עס דאך מוזען אזוי זיין, ווייל ער וועט דאך ניט זיין אזוי נאריש צו געבען געלד איינעם, וועלכער באטראכט עס פאר א פרינציפ ניט אפצוגעבען. און איין פונקט אבער איז די סאוועט-רעגירונג פארשטענדיג געבליבען און רעכט. ווייבאלד מען פארלאנגט פון איהר, אז זי זאל זיך פארפליכטען אויך צוריקצוצאהלען צו פראנקרייך די צארישע פאר-מלחמה-חובות, הייסט דאך עס, אז מען באטראכט די איצטיגע סאוועט-רעגירונג פאר דעם רעכטמעסיגען יורש פון דער צארישער רעגירונג, דארף דאך עס פראנקרייך און ענגלאנד צוערשט אנערקענען מיט א פולען מויל, און דאן פארלאנגען די אלטע חובות.

מעג זיין, אז פון א עטישען שטאנדפונקט זיינען אפשר די עליים גערעכט מיט זייער צארן געגען דייטשלאנד און רוסלאנד, וואס זיי האבען געשלאסען אן אפמאך הינטער זייער רוקען אויף דער קאנפערענץ, וועלכע האט אלס איהר צוועק אן אלגעמיינע פארשטענדיגונג. עס איז אבער זיכער, אז ווען ניט דער דאזיגער אפמאך צווישען דייטשלאנד און רוסלאנד, וואלט ללויד דושארדזש ניט געהאלטען זיין לעצטע רעדע, וועלכע האט אנגעמאכט אזא שטורם אין דער פאליטישער וועלט; און, אויב די קאנפערענץ איז געגאנגען זיך דאך ענדיגען מיט א געוויסען ערפאלג, מיט א פארשטענדיגונג צווישען פראנקרייך און רוסלאנד און דייטשלאנד, וועט עס זיין ביז צו א גרויסען טייל צו פארדאנקען אט דעם הינטער-רוקענדיגען אפמאך. ווייל א פאראייניגונג צווישען דייטשלאנד און רוסלאנד איז נאר א צייכען ווער, אז די רעגירונגען פון אייראפא וועלען עס קענען איגנארירען. צווישען מיט ללויד דושארדזש מוזען זיי אנהויבען צו פארשטעהן, אז „אונזער זיג וועט ניט אנהאלטען אייביג". ווארים דערווייל איז דער שטארקסטער ארגומענט אין אונזער צייט נאך אלץ מאכט און געוואלט. און דאס איז דאס טרויעריגסטע אין דער גאנצער געשיכטע.



פרינשטיין'ס

פריוואטע רעדזיינינג אקאדעמי איז די איינציגע סקול, אין וועלכער איהר קענט לערנען א פראפעסיאנעלער קורס אין רעדזיינינג פון לוידיס גארמענטס מיט זעהר ליכטע באדינגונגען. פארזאמלעסיגט ניט די געלעגענהייט, ווייל יעצט איז די צייט פאר דעם.

פרינשטיין'ס פריוואטע דיזיינינג אקאדעמי

פרינשטיין'ס בילדינג

81 וועסט 118טע סטריט, ניו יארק סיטי.

טעלעפאן יוניווערסיטי 4943.

אינטערעסאנטע מאווינג פיקטשורס פון ארבייטער-לעבען און ארבייטער-קאמף

מאנטאג, דעם 1טען מאי, האט מען אין דעם פינפטע עוועניו טעאטער, 5טע עוועניו און 28סטע סטריט, אנגעפאנגען ווייזען „די דושאנגל", א אינטערעסאנטע בילד פון ארבייטער-לעבען און ארבייטער-קאמף. דאס בילד איז געמאכט געווארען נאך דעם בארימטען בוך „די דושאנגל" פון אפטאן סינקלעיר.

די געשיכטע וואס ווערט דערצעהלט אין „די דושאנגל" שילדערט דאס לעבען, די ליידען און דעם קאמף פון די אימיגראנטען-ארבייטער אין די סטאקיארדס, אין אין פון שיקאגא, שטאדט אין מיט-פארבאנדענע געגענדען.

דיס מאווינג פיקטשור איז „די דושאנגל" מיט א צייט צוריק איבערגעפיהרט געווארען אונטער די דירעקציע פון אויגוסט טהאמאס, א מאווינג-דירעקטאר, וועלכער איז אויך באוואוסט אלס אויסגעצייכנעטער ראמאן-שרייבער און רעזשיסאר.

איצט איז „די דושאנגל" איבערגענומען געווארען פון די „לייבאר פילם סערוויס", פון וועלכער גענאסע דושאזעף קענאן איז דירעקטאר. דאס בילד איז אויפ'ס נייע רעדאגירט געווארען. איינינע שטעלען זיינען אויסגעבעסערט געווארען, נייע אויפשריפטען זיינען געמאכט געווארען און ווי דאס בילד איז איצט, איז דאס איינע פון די שעהנסטע מאווינג-פיקטשור פראדאקשאנס.

ווי געזאגט, איז עס א בילד פון אימיגראנטען ארבייטער-לעבען און ארבייטער-קאמף, און דעריבער דארף עס זיין באזונדערס אינטערעסאנט פאר ארבייטער.

פילע יוניאנס זיינען שטארק פאראינטערעסירט אין דעם בילד. איינינגע פון זיי האבען שוין געקויפט טיקעטס פאר זייערע מיטגלידער. דאס בילד „די דושאנגל" איז אינדארסירט געווארען פון דעם צענטראלען טרייד'ס און לייבאר קאונסיל, פון די פאראייניגטע אידישע געווערקשאפטען און פון טרייד קאונסיל פון עסעקס קאונטי, ניו-דזשערזי.

אין דער זעלבער צייט, וואס די מאווינג פיקטשור „די דושאנגל" וועט געוויזען ווערען אין דעם פינפטע עוועניו טעאטער, ווערט „די דושאנגל" אויך געוויזען אין נוארק, אין דעם ניו-אמסטערדאם טעאטער אויף 16טער עוועניו.

שלום עליכם יאהרצייט אין מאנהעטען אפערא הויז.

ס'עט זיך אנהויבען מיט ר' חפץ'ס א ביאגראפישער סקיצע, וואס וועט געלעזען ווערען אויף העברעאיש און אידיש; שפיעלען וועט מען די וועלטע, וואס ב. האפשטיין האט פארפאסט צו דעם אנדענקען פון שלום-עליכם.

ס'עט שפיעלען זיינען און פארלעזען. ס'עט זיך דערמאנען אן דעם גרויסען פאלקס-דיכטער, וואס האט באגייסטערט דאס אידישע לעבען. ס'עט זיין א טרויער פאר דעם וואס ער איז מעהר ניט מיט אונז אין אזא שווערער צייט. אבער ס'עט זיך דערמאנען אן די הערליכע פון שלום-עליכם'ס שאפען, די פארזאמלונגען ווערען ארויסגעהויבען. און שליסען וועט זיך דער יאהרצייט-אווענט מיט שלום-עליכם'ס „לויטוב", א קאמעדיע, וואס וועט געשפיעלט ווערען פון אט די געקליבענע קינסטלער: ווייזענפריינד, גערליאו, נאראסקי און בערטא גערסטען.

די שנאַרער מאכען דעם שלום-עליכם יאהרצייט קומענדען שבת, 13טען מאי, אין מאנהעטען אפערא הויז, און ווי אלע יאהר, וועט עס זיין קינסטלעריש און היימיש פאר ליעבהאבער שלום-עליכם'ס.

וואס הערט זיך ווענען בילעטען? איניך ווען ווארט איהר?

ניו יארק אידישער פון דער

„באנקא נאציאנאלע דעל רעדיוס"

1221 איסט 4טע סטריט, ניו יארק.

איז דער בילדונג פון יאהר 48 איינציגע נאציאנאלע ווארשעווער יוניאן.

געלט ווערט איבערגעשיקט נאך אלע וועלט-טיילען צו זעהר מעסיגע פרייזען.

מיר קויפען און פארקויפען באנדס און איטאליע אייזענבאהן נעלדער.

פרייער ראטה וועגען אימיגראציע צו יעדער צייט.

דער פראַן איז אפען ביז 7 אזייגער אין אווענט

און אפרוה פלאץ פאר יוניאן לייט אין מאונטענדייל

איז איצט אונטער דער מענעדזשמענט און פערזענליכער אויפפאסונג פון די גוט-באקאנטע יוניאן לייט

לואיס גארדאן און סעם גאלד

וואו יעדער בזוכער וועט קריגען די בעסטע אטענשאן פאר ריזאנייבעל פרייזען. די הויז איז מיט אלע לייטעסט אימפרוּוועמענטס.

דירעקשאנס: פון ניו יארק נעמט פארטלאנד ארער וועסט 42טע סטריט פעריס פאר „ניו יארק, אנטעריא ענד וועסטערן ריילראוד" וועלכע ברענגט אייך אין מאונטענדייל. שרייבט אונז און מיר וועלען אייך ערווארטען ביים סטיישאן.

L. Gordon & S. Gold

P. O. Box 331, Mountaindale, Sulllivan Co., N. Y.

דער

ארבייטער רינג

איז דער גרעסטער און שטארקסטער ראדיקאלער אידישער ארבייטער ארדען אויף דער וועלט.

פארמאגט — $1,500,000

מיטגלידער — 82,000

בראַנטשעס — 645

דער ארב. רינג שטיצט זיך דען וויכטיגען עקאנאמישען און פאליטישען קאמף.	A. R.	דער ארבייטער רינג איז דער קולטור צענטער אין דער אידישער ארבייטער באוועגונג.

דער ארבייטער רינג איז דער איינציגער אידישער ארדען, וואס האט אן איינענעם סאניטאריום פאר זיינע קאנסאמפטיוו מיטגלידער.

מעמבערס ווערען אריינגענומען אין עלטער פון 18 ביז 45 יאהר.

אויב איהר זייט נאך ניט קיין מיטגליעד, שליסט זיך גלייך אן!

פאר אויסקינפטען ווענדט זיך צו:

THE WORKMEN'S CIRCLE

175 EAST BROADWAY, NEW YORK, N. Y.

אין מאנהעטען אפערא הויז

איבערמארגען שבת, 13טען מאי

זעקסטער יאהרצייט

— נאך —

שלום עליכם

א פראגראם פון געקליבענע קינסטלער צוגעפאסט און דורכגעפיהרט לויט שלום עליכם'ס צוואה. עס ווערט ווי אלע יאהר ארראנזשירט פון די

שנאַרער אססאָסיאיישאָן

און אלע ווייסען, אז די שנאַרער מאכען עס קינסטלעריש און אינטערעסאנט. זעהט, איהר זאלט ניט דארפען צוריקגעהן און פארגרייט זיך מיט א בילעט.

בילעטען צו פארקויפען, פון 75 סענט ביז $2.50 (פריי פון מלחמה שטייער), אין אפיס פון „פארווערטס", „טאג", „קונדס"; סמירנ'ס וואודעוויל געשעפט, 1337 ווילקינס עוועניו, בראנקס; אין אלע שלום-עליכם פאלקס-שולען; מעטראָ מוזיק סטאר, 63 סעקאנד עוועניו, און אין שנאַרער קלוב, 52 סט. מארקס פלייס.

די שנאַרער ביבליאטעק איז פריי און אפען פאר יעדען אלע אווענט. קומט ארויף.

GERECHTIGKEIT—(JUSTICE)

גערעכטיגקייט

בצדקתי החזקתי ולא ארפה. (איוב, כ"ז, 6)
אן מיין גערעכטיגקייט האלט איך זיך שטארק, און וועל איהר ניט אפלאזען

ארבייטער פון אלע לענדער, פאראייניגט אייך, און די וועלט וועט זיין אייערע!

אפיציעלער ארגאן פון דער אינטערנעשאנאל לײדיס גארמענט װאירקערס יוניאן

Vol. IV. No. 19. | New York, Friday, May 12, 1922. | פרייטאג, דעם 12טען מאי, 1922 | PRICE 3 CENTS

אונזער קאנווענשאן אין פולען גאנג

דער שטראם פון ענטוזיאסטישע באגריסונגס־טעלעגראמען האלט אן. — באריהמטע טוער אין דער ארבייטער באוועגונג באגריסען די קאנווענשאן. — ענטוזיאסטישע רעדע פון אב. קאהאן, רעדאקטאר פון „פארווערטס". — פרעזידענט שלעזינגער אפוינטעד די פארשיידענע קאמיטעס. — מאסע רעזאלוציעס פארגעשלאגען און איבערגעשיקט צו די קאמיטעס. — די דעלעגאטען אין די קאמיטע רומס ארבייטע ביז שפעט אין דער נאכט אריין.

מאנטאג און דינסטאג, דעם 8טען און 9טען מאי, זיינען ניט געווען קיין אלגעמיינע, עפענטליכע זיצונגען פון אונזער קאנווענשאן. אבער דאס מיינט, אז ערשט איצטער איז די קאנווענשאן ביי איהר ריכטיגער ארבייט. דאס מיינט אז ערשט איצטער זיינען די דעלעגאטען פארנומען פון 12 ביז 14 שטונדען א טאג אין די קאמיטע־רומס פון די פארשיידענע באזונדערע קאמיטעס, וואס פרעזידענט שלעזינגער האט אפאינטעט מיט דער צושטימונג פון דער קאנווענשאן.

די וואס ווייסען וואס א קאנווענשאן איז, די ווייסען, אז די הויפט־ארבייט פון א קאנווענשאן ווערט געטאן אין די באזונדערע קאמיטע־רומס. דארטען ווערט צוגעגרייט די גאנצע ארבייט וואס די קאנווענשאן האט פאר זיך אויפצוטאן.

אלזא, בעת דיזע שורות ווערען געשריבען זיצען נאך אלין די פארשיידענע קאמיטעס אין די באזונדערע צימערען און טוען די צוגרייטונגס־ארבייט פאר'ן שלוס פון דער קאנווענשאן, און ווען די קאנווענשאן וועט זיך ווידער צונויפקומען אין גרויסען אדיטאריום וועט זיך ערשט דעמאלט בולט ארויסווייזען, וואס די באזונדערע קאמיטעס האבען אויפגעטאן מאנטאג און דינסטאג אין זייערע באזונדערע צימערען.

מיר האבען דעם פולען גלויבען, דאס די 16טע קאנווענשאן פון אונזער באליבטער אינטערנעשאנאל יוניאן וועט אויפטאן גרויסע ארבייט פאר'ן וואויל און בעסטען פון דער גרויסער מיטגלידערשאפט, און וועט נאך מעהר באפעסטיגען די ארגאניזאציע, ווי דאס האבען געטאן די פריהערדיגע קאנווענשאנס אין דער געשיכטע פון אונזער יוניאן.

מיר האבען דעם פולען גלויבען, דאס די דעלעגאטען פון דער קאנווענשאן וועלען ניט פארלירען זייער גלייכגעוויכט; דאס זיי וועלען האלטען פאר זייערע אויגען די גרויסע צאהל מיטגלידער פון דער ארגאניזאציע, מיט זייערע פרויען און קינדער, און וועלען געדענקען, דאס דער וואוילזיין פון די הונדערטע טויזענטער מענשען ווענדט זיך גאר א סך אן דעם, ווי ווייט עס עקזיסטירט אמת'ע איינינקייט און הארמאניע אין די רייהען פון דער יוניאן. דאס וועט זיי דערמאנען דאס אונזער 16טע קאנווענשאן אין קליוולאנד דארף און מוז זיך ענדיגען אזוי שעהן און הארמאניש, ווי עס האט זיך געענדיגט אונזער קאנווענשאן מיט צוויי יאהר צוריק אין שיקאגא.

געדענקט, שוועסטער און ברידער דעלעגאטען! די באלעבאטים קוקען ארויס אויף דעם, אז די איינינקייט און הארמאניע אין אונזער יוניאן זאל צושטערט ווערען! זיי וועלען דאס אבער קיין מאל ניט זעהן; דאס וועט פאר זיי בלייבען ניט מעהר ווי א פוסטע האפנונג.

אין דער „גערעכטיגקייט" פון לעצטער וואך האבען מיר איבערגעגעבען דעם תמצית פון דעם וואס איז פארגעקומען אויף אונזער קאנווענשאן אין די ערשטע צוויי טעג, מאנטאג און דינסטאג, דעם 1טען און 2טען מאי. מיר אנגעגען, אלזא, אן פון מיטוואך, דער דריטער טאג פון אונזער 16טער צוויי־יעהרליכער קאנווענשאן.

די ערשטע זיצונג פון דריטען טאג האט זיך געעפענט מיטוואך, 9.30 אין דער פריה, דעם 3טען מאי. פרעזידענט שלעזינגער האט געעפענט די זיצונג און סעקרעטער בארא'ף האט פארגעלעזען א גרויסע צאהל באגריסונגס־טעלעגראמעס וואס זיינען אנגעקומען פון אלע עקען לאנד, פון פארשיידענע ארגאניזאציעס, אינסטיטוציעס און פערזאנען.

אבער יענעם פריהמארגען האט די קאנווענשאן נים נאר באקומען באגריסונגס־טעלעגראמעס נאר האט אויך א צאהל טעלעגראמעס געשיקט צו אנדערע.

לויט א באשלוס אויף א פריהערדיגער זיצונג, האט פרעזידענט שלעזינגער אפגעשיקט באגריסונגס־טעלעגראמעס צו איינינע ארבייטער־מארטירער וואס שמאכטען אין אמעריקאנער פריזאנס, דורך די פארשווערונגען פון גרויס־קאפיטאל אין אמעריקא.

אזעלכע טעלעגראמעס זיינען אפגעשיקט געווארען צו טאמאס מוני און ווארען ק. בילינגס, וועלכע שמאכטען שוין איינינע יאהר אין פריזאן פון סן. קווענטין, קאליפארניא, פאר א פארברעכען, וואס ער איז שוין לאנג באוויזען געווארען, אז זיי זיינען ניט באגאנגען; צו די נייערע ארבייטער־מארטירער, סאקא און וואנזעטי, וועלכע זיינען פאר־משפט געווארען צום טויט אין מאסאטשוזעטס סטייט און געפינען זיך אין פריזאן, מיט'ן טויט אורטייל הענגענדיג איבער זייערע קעפ, טראץ דעם וואס די פארטיידיגונג פון די צוויי ארבייטער האט גוטע באוויזען, אז עס איז געגען זיי געמאכט געווארען א „פריים אפ".

א דריטע טעלעגראמע איז געשיקט געווארען צו די אנגעקלאגטע מיינער סטרייקער אין וועסט ווירדזשיניא, וואס דארפען נאך דורכמאכען א פראצעס.

אויף איינינע שווערע קלאגען. די קאנווענשאן האט באשלאסען איינשטימיג די טעלעגראמעס צו שיקען.

וויטערער רעפארט פון דער קרעדענשעל קאמיטע.

ברודער דזש. ברעסלאו, דער טשערמאן פון דער קרעדענשעל קאמיטע האט פארטגעזעצט זיין רעפארט, אנגוויזענדיג אויף די אלע אבדזשעקשאנס וואס זיינען געמאכט געווארען געגען מאנכע פון די ערוועהלטע דעלעגאטען צו דער קאנווענשאן.

באזונדערס האט זיך דעם מאל געהאנדעלט וועגען צוויי דעלעגאטען, הארוויץ און שערי, פון לאקאל 1.

וועגען שערי'ס קייס איז פארגעקומען א לאנגע דיסקוסיע אויפ'ן פלאר פון דער קאנווענשאן און ווען די זאך איז גענומען געווארען צו אפשטימונג, זיינען געווען 107 שטימען, אז שערי זאל ניט צוגעלאזען ווערען אלס דעלעגאט, און 77 שטימען, אז ער זאל יא צוגעלאזען ווערען. שערי האט, אלזא געמוזט די קאנווענשאן פארלאזען.

(שלוס אויף זייט 4).

אין לאגער פון די ניו יארקער קלאוק מאנופעקטשורערס

דזשארדזש דזשאבלאו דער פרעזידענט פון די „פראטעקטיוו אסאסיאיישאן" האט דינסטאג, דעם 9טען מאי, פארעפענטליכט א צווייטען, אפיציעלען סטייטמענט אין די „ווימענס וועיר", אין באצוג די קלאוק סיטואציע. ער ערקלערט, דאס ער קאן ניט באגרייפען, ווארום עס איז אין די געזעלשאפטליכע קרייזען אויסגעדריקט געווארען א צווייפעל, אויב ער האט געמיינט ערנסט מיט דעם, וואס ער האט געזאגט אין זיין ערשטען סטייטמענט, אין באצוג די שטעלונג פון די פראטעקטיוו אסס'ן אין דער איצטיגער קלאוק סיטואציע. ער געפינט דעריבער, — זאגט ער, — פאר נויטיג צו מאכען א צווייטען סטייטמענט, צו באפעסטיגען דעם ערשטען.

אבער וואס קומט ארויס? אויך דער סטייטמענט פון מר. דזשאבלאו וועט צו דעם ניט העלפען. ער מעג מאכען אזעלכע סטייטמענטס וויפיל ער וויל נאר, און אפילו אין יעדען פון זיי פארזיכערען אז די אסס'ן „מיינט עס גאנץ ערנסט", — וועט מען אלץ צווייפלען אין דעם. דאס איז דערפאר ווייל די סטייטמענטס מאכען דעם איינדרוק, אז די פראטעקטיוו אסס'ן טראגט זיך ארום מיט עפעס אין ארבעל, און זי וויל דאס „פארדעקען" מיט אט די סטייטמענטס.

אין ביידע סטייטמענטס, למשל, רעדט מר. דזשאבלאו פון „שלום" אין דער אינדוסטריע. אבער... די שלום רייד אפעלירען ניט צו קיינעם. אפילו די קאפיטאליסטישע פרעסע גלויבט עס אויך ניט.

דאס איז דערפאר, וואס מר. דזשאבלאו רעדט זיך גלאט אין דער וועלט אריין! עפעס רעדט ער ווי פון יוצא וועגען בלויז. און דעריבער וועט ער באלד מוזען ארויסגעבען א דריטען סטייטמענט, אז וואס ער האט געזאגט אין צווייטען סטייטמענט האט ער געמיינט גאנץ ערנסט, ווי ער האט עס געדארפט טאן נאך זיין ערשטען סטייטמענט, מיט א וואך צוריק.

וואס זאל מען זיך דא נארען? די גאנצע וועלט ווייס, אז דער אגרימענט אין דער קלאוק אינדוסטריע געהט אויס א פאר וואכען ארום און אלע ערווארטען טראבעל. מען ערווארט א נייעם קאמף, וואס וועט דער אינדוסטריע געווים קיין גוטעס ניט טאן. דאס קאן בלויז האבען די ווירקונג, נאך מעהר דעם טרייד צו פארטרייבען פון ניו יארק אין אנדערע מארקעטס, ווי עס

(שלוס אויף זייט 16).

אינהאלט־פארצייכניס

„גערעכטיגקייט" נומער 19

זייט 2. די וואך. — נ. ש. פינאנציעלער באריכט פון דער פילאדעלפיער קלאוק מאכער יוניאן. — מאקס סאנדלער.
זייט 3. רעפארט פון דער רייןקאוט מאכער יוניאן לאקאל 20. — סעם פרידמאן.
זייט 4. אונזער קאנווענשאן אין פולען גאנג. — שלוס פון זייט 1.
זייט 5. וויטערע קאנווענשאן־נייעס.
זייט 6. די וויסטמאכער יוניטי הויז אין פארעסט פארק. — פנחס ראטענבערג.
זייט 7. דער אמת (ערצעהלונג). — אל. גוריה. אין דער שטילער נאכט (געדיכט). — י. י. שווארץ.
זייט 8. פון רעדאקטאר'ס נאטיץ־בוך.
זייט 9. ערשטע וואך קאנווענשאן. — ש. יאנאווסקי.
זייט 10. די שונאמ'ס'דיגע פרינץ. — א. זעלדין. קורץ און שארף. — י. ב. ג.
זייט 11. ענינים פון אונזער אינטערנעשאנאל אין דער פרעסע. — ל. פינקעלשטיין.
זייט 12. קורצע שמועסען. די מענשען זיינען ניט דאנקבאר (פעליעטאן). — ב. י. גאלדשטיין.
זייט 13. שלוס פון די קאנווענשאן נייעס.
זייט 14 און 15. אדווערטייזמענטס.
זייט 16. ערשטע וואך קאנווענשאן — שלוס פון זייט 9.

די קאנווענשאן פון די אמאלגאמייטעד אין שיקאגא

די קאנווענשאן פון די „אמאלגעמייטעד קלאדינג װארקערס אװ אמעריקא", האט זיך געעפענט מאנטאג פריה, דעם 8טען מאי, אין שיקאגא. דאס איז די פינפטע צוויי־יעהרליכע קאנווענשאן פון דער ארגאניזאציע.

די קאנווענשאן האט זיך געעפענט אונטער די טענער פון א אייגענעם מוזיק ארקעסטער, וואס די מיטגלידער פון דער יוניאן אין שיקאגא האבען ארגאניזירט.

די שטימונג אין האל איז געווען דורכגעדרונגען מיט פרייד און באגייסטערונג און די פיהרער פון דער ארגאניזאציע זיינען אויפגענומען געווארען מיט פילע אפלאדיסמענטען. די יום־טוב'דיגע שטימונג האט אנגעהאלטען די גאנצע צייט פון דער ערעפענונגס־זיצונג, וועלכע איז געווען פול מיט באגייסטערענדע ספיטשעס פון ליבע און איבערגעבענהייט צו דער ארגאניזאציע.

די קאנווענשאן איז ערעפענט געווארען אין דעם אדיטאריום פון קארמענס האל, וועלכער איז פראכטפאל דעקארירט מיט די בענערס פון די פארשיידענע לאקאלס פון דער אמאלגעמייטעד און מיט אויפשריפטען וועלכע האבען דערצעהלט וועגען דער מאכט און איינפלוס פון דער אמאלגעמייטעד. די פלאטפארם איז געווען איינגעטונקט אין בלומען און האט מיט זיך פארגעשטעלט א שעהנעם בילד.

אונזער קאנווענשאן אין קליוולאנד האט געשיקט דער קאנווענשאן פון די אמאלגעמייטעד א הארציגע באגריסונג.

אונזער 16טע קאנווענשאן האט זיך געעפענט מיט גרויס באגייסטערונג מאנטאג פריה

(שלוס פון זייט 1)

טען פאר מענשען, — האט ער געזאגט. — איינע פון די קריות פון דער אינ־דוסטריע איז געווען דער אינגעהויער־לאנגער ארבייטס־טאג. די קאנווענ־שאן וואס איז אפגעהאלטען געווארען אין קליוולאנד אין יאהר 1903, האט באשלאסען צו פארדערען פון די באסעס, אז מען זאל ניט ארבייטען מעהר ווי 56 שטונדען א וואך און דערמיט האט עס געמיינט, אז מען האט געפאדערט א גרויסע פארבעסערונג!

פרעז. שלעזינגער האט דאן דער־צעהלט וועגען דער קאנווענשאן, וואס איז פארגעקומען אין קליוולאנד אין יאהר 1914. דאס איז געווען נאכדעם ווי די פריוען־קליידער ארבייטער אין היפטצעבייך די קלאוקמאכער האבען שוין געהאט צוריסען די שקלאפען־קייטען, וועלכע האבען זיי געהאלטען גע־שמידט אין געדריקט פאר פילע לאנגע יאהרען.

דאס איז געווען נאך דעם העלדישען סטרייק פון די קלאוקמאכער אין ניו יארק אין יאהר 1910, וואס האט אריינ־געבראכט נייעם לעבען אין נייעם גלוי־בען צווישען די פריוען קליידער ארבי־טער.

„היינט, אין יאהר 1922", — האט פרעזידענט שלעזינגער געזאגט, — קומען מיר צו דער קאנווענשאן אין קליוולאנד מיט איינען־שטארקע און איינפלוסרייכע ארגאניזאציעס איבער'ן גאנצען לאנד! ס'איז ניטא קיין איין קלאוק־מארקעט, וואו די ארבייטס־באדינגונגען זאלען ניט זיין אונטער דעם איינפלוס און קאנ־טראל פון אונזער ארגאניזאציאן. אין דאס זעלבע איז אויך אין א גרויסער מאס אמת אויך אין די אנדערע צווייגען פון דער ליידיס גארמענט אינדוס־טריע איבער'ן לאנד.

„די לעצטע צוויי יאהר, — האט פרעזידענט שלעזינגער ווייטער געזאגט, — זיינען געווען שרעקליכע פאר די אר־בייטער אין אמעריקא. קאפיטאל האט זיך ארויסגעווארפען מיט זיין גאנצען גרויזאמען צארן אויף די ארבייטער און פילע יוניאנס, באפעסטיגטע ארגאני־זאציעס האבען אונטער דיזער אומער־בארמהארציגער אטאקע געמוזט צוריק אפ־געבען מאנכע פון זייערע געווינסען און אויפטואונגען. אבער אונזער אינטער־נעשאנאל האט פעסט אנגעהאלטען אלעס וואס זי האט געוואונען פאר אונזערע מיטגלידער. טראץ די מינדערוויכטיגע פארלוסטען דא און דארט, איז אונזער אינטערנעשאנאל היינט פונקט אזוי שטארק און מעכטיג ווי זי איז געווען פאר צוויי יאהרען אויף אונזער שיקא־גא'ר קאנווענשאן.

„מיר האבען זיך פארזאמעלט פון גאנצען לאנד צו נעהמען א חשבון פון אונזערע פארגאנגענע טעטיגקייטען און אויסצוארבייטען פלענער פאר דער צו־קונפט. די איצטיגע צייט איז וועהר אן ערנסטע. אונזערע בעלי בתים, וועל־כע האבען געפרואווט צו פארערגערען אונזערע ארבייטס־באדינגונגען זאגאר אין פארלויף פון די לעצטע צוויי יאהר, ווען מיר האבען געהאט אגרימענטס מיט זיי, וועלען זיכער דאס פרואווען נאך א מאל, ווען דיזע אגרימענט וועלען אויס־געהן.

„אונזער כח ליגט אין אונזער איי־ניגקייט. אלע אונזערע זיגען האבען מיר געקראגען דורך אונזער סאלידארי־טעט. די דעלעגאטען צו דיזער קאנ־ווענשאן מוזען זיך אנשטרענגען מיט אלע זייערע כחות, אז איינינקייט און הארמאניע אין דעם העכסטען זין פון ווארט זאל הערשען אויף דיזער קאנ־ווענשאן. אזא גייסט וועט מוזען גע־פינען אן אמת־ריכטיגען אפקלאנג צווי־שען אונזערע מאסען ארבייטער. בלויז אזא גייסט קען צוזאמענהאלטען אונזע־רע רייהען נאך שטארקער ווי זיי זיינען געווען בעפאר און מאכען אונזער אר־גאניזאציע אונבאזיגבאר".

דיזע ווערטער זיינען באגלייט געווא־רען מיט א שטורם פון אפלאדיסמענטען פון אלע אנוועזענדע.

קאנווענשאן שיקט באגריסונגען צו אנדערע קאנווענשאנס.

אין פארלויף פון דער ערשטער זי־צונג איז באשלאסען געווארען צו שיקען באגריסונגען צו דער קאנווענשאן פון דער סאציאליסטישער פארטיי, וועלכע האלט נאך אן איהרע זיצונגען אין קליוו־לאנד, און צו דער קאנווענשאן פון אר־בייטער רינג, אין טאראנטא, קאנעדע. סעקרעטער באראף האט פארגעשלאגען צו שיקען די באגריסונגען, און זיין פארשלאג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען מיט שטורמישען אפלאוז.

שפעטער האט ברודער לאנגער פון די קלאוק פרעסערס לאקאל 35 פאר־געשלאגען, אז די קאנווענשאן זאל אוי־טאריזירען פרעזידענט שלעזינגער צו שיקען טעלעגראמען מיט א ברודער־גרוס צו די סטרייקענדע מיינערס, וועל־כע און שטיין־האקער, וועלכע פיהרען איצט אן א קאמף מיט זייערע באלעבא־טים פאר דער גאנצקייט פון זייערע ארגא־ניזאציעס. דיזער פארשלאג איז אנגע־נומען געווארען מיט באגייסטערונג אין מיט אמת'ער ברידערליכקייט צו דיזע העלדישע קעמפער.

דער צווייטער טאג אויף אונזער קאנווענשאן.

דער צווייטער טאג פון אונזער קאנ־ווענשאן האט זיך ווידער אנגעפאנגען מיט פרייד און באגייסטערונג; מיט אנער־קענונג און ליבע פון דער ארבייטער בא־וועגונג פאר דער אינטערנעשאנאל, און דעמאנסטראציעס פון דער קאנווענשאן פאר סאציאליזם, און פאר דער ארגאני־זירטער ארבייטער באוועגונג.

די ערשטע דעמאנסטראציעס האבען זיך אנגעפאנגען, ווען סעקרעטער באראף האט פארגעלעזען א בעגריסונגס־טעלע־גראמע פון דער סאציאליסטישער פארטיי לאקאל ניו יארק, און ווען פרעזידענט בענדזשאמין שלעזינגער האט פארגע־שטעלט פאר די דעלעגאטען א קאמיטע, וואס די סאציאליסטישע פארטיי קאנווענ־שאן האט ערוועהלט צו באגריסען דער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן.

די דעמאנסטראציעס האבען זיך ווי־דערהאלט, ווען די קאמיטע לייט האבען געענדיגט זייערע רעדעס און ווען געגאסע מאריס הילקוויט און ב. וולאדעק זיינען ערשינען צו באגריסען די קאנווענשאן. זייערע רעדעס זיינען פיל מאל אונטער־בראכען געווארען פון שטורמישען אפ־לאוז, און ווען זיי האבען געענדיגט האט דער גרויסער אודיטאריום פון די לאקא־מאטיוו אינדזשענירס געדונערט מיט ענ־טוזיאסטישע אוואציעס.

א שטראם באגריסונגס טעלע־גראמעס פון אלע עקען לאנד.

די ערשטע זיצונג פון צווייטען טאג פון דער קאנווענשאן האט זיך אנגעפאנ־גען מיט פארלעזען די הונדערטער באגרי־סונגס־טעלעגראמעס וואס האבען אריינ־געשטראמט פון אלע עקען לאנד. עס זיי־נען אנגעקומען טעלעגראמעס פון די לא־קאל יוניאנס פון דער אינטערנעשאנאל; פון שעפער, פון די פארשיידענע ארגא־ניזאציעס פון דער אינטערנעשאנאל; פון איינצעלנע און גרופען ארבייטער; פון יוניאנס פון אנדערע פאכען און אינדוסט־ריען; פון די הויפט ארגאניזאציעס פון פארשיידענע שיכטען פון דער ארבייטער באוועגונג; פון ארבייטער רינג ברענ־טשעס; און פון פריינד פון דער אינטער־נעשאנאל וועלכע זיינען טעטיג אין דער סאציאליסטישער און טרייד יוניאן באווע־גונג.

באגריסונגס־טעלעגראמען זיינען אויך אנגעקומען פון דער דזשענעראל עקזעקו־טיוו באארד פון דער אמאלגאמייטעד קלא־דינג ווארקערס יוניאן; פון די קאפען און מילינערי ארבייטער אינטערנעשא־נאל יוניאן; פון דער פאר ווארקערס יוניאן; און פון פילע אנדערע ארגאניזא־ציעס.

די אלע טעלעגראמען האבען באגריסט דער אינטערנעשאנאל און איהר געלויבט פאר איהרע גרויסע אויפטואונגען און ער־פאלגען, און האבען אויסגעדריקט די האפ־נונג, אז די אינטערנעשאנאל וועט ארויס־קומען פאלקאם ערפאלגרייך פון אלע אי־רע קעמפע אין דער צוקונפט.

פילע טעלעגראמען זיינען אנגעקומען פון „רענק ענד פייל" מעמבערס פון דער אינטערנעשאנאל צו פרעזידענט שלעזינ־גער, אין וועלכע ער איז אויפגעפאדערט געווארען צו פארבלייבען דער פיהרער פון דער יוניאן און נים פארלאזען דעם פרעזי־דענט־אמט פון דער ארגא. פאר וועלכע זיי זיינען גרייט צו אפפערען מיט אלעס וואס זיי פארמאגען, פונקט ווי זיי הא־בען עס געטאן אין פארגאנגענהייט. פילע פון דיזע טעלעגראמען האבען מיט געריהרט די דעלעגאטען, און מען האט שטארק אפלאדירט, ווען מען האט זיי פארגעלעזען.

באגריסונגען זיינען אויך אנגעקומען און פארגעלעזען געווארען פון „אידגעז־קאם" און פון דער „אידישער פעדערא־ציע" פון די „ווארקערס פארטי".

א ספעציעלער גרוס פון יודזשין וו. דעבס.

די קאנווענשאן האט געקראגען א ספעציעלען גרוס פון יודזשין וו. דעבס, דער גרוס איז געקומען נים דורך א טע־לעגראמע, נאר דורך געגאסע וויליאם הענ־רי, איינער פון דער קאמיטע וואס די קאנ־ווענשאן פון דער סאציאליסטישער פאר־טיי האט געשיקט צו אונזער קאנווענשאן. געגאסע הענרי קומט פון דערזעלבער שטאט ווי געגאסע דעבס. איידער ער איז איינגעפאהרען צו דער סאציאלי־סטישער פארטיי קאנווענשאן, האט ער גע־האט א געשפרעך מיט געגאסע דעבס וועגען פארשיידענע פראגען פון דער ארבי־טער באוועגונג, און געגאסע דעבס האט איהם געבעטען צו ערשיינען און באגרי־סען די דעלעגאטען אין זיין נאמען. ווען געגאסע הענרי האט איבערגעגעבען דעם גרוס און האט דערציילט ווי דעבס אנער־קענט די גרויסע ארבייט וואס די אינטער־נעשאנאל האט געטאן אין דער אמעריקא־נישער באוועגונג צו באפרייען איהם, זיינען אלע דעלעגאטען אויפגעשפרונגען פון זייערע פלעצער און האבען אפלאדירט מינוטען לאנג נאכאנאנד.

די אנדערע רעדנער פון דער קאמיטע, וואס די סאציאליסטישע פארטיי קאנ־ווענשאן האט געשיקט צו באגריסען דער אינטערנעשאנאל קאנווענשאן, זיינען גע־ווען דזשאן קאלינס און אסתר פרידמאן. ביידע האבען אנגעדייטעט אויף דער גרוי־סער נצחון פון דער אינטערנעשאנאל.

מאריס הילקוויט און טשארלס אירווין באגריסען די קאנווענשאן.

די הויפט רעדנער אויף דיזער זיצונג זיינען געווען מאריס הילקוויט, דער לעגאַל אדווייזער פון אונזער אינטערנעשאנאל און טשארלס אירווין, דער רעדאקטאר פון דער ניו יארק „קאל". טשארלס אירווין האט געווארנט די דעלעגאטען ניט צו דערלאזען, אז פרעמדע עלעמענטען זאלען זיך אריינ־מישען אין די אינערליכע פראגען פון דער ארגאניזאציע. די דעלעגאטען האבען זיך אויף דיזער באמערקונג אפגערופען מיט שטארקע אפלאדיסמענטען. געגאסע אירווין האט אויך גערעדט וועגען דער גרויסער באדייטונג פון אן ארבייטער פרע־סע פאר דער טרייד יוניאן באוועגונג. די קאנווענשאן האט איהם איבערגעגעבען מיט פיל ליבשאפט.

געג. הילקוויט האט אנגעפאנגען זיין רעדע מיט אן איבערבליק פון דער ארבייט וואס די אינטערנעשאנאל האט אויפגע־טאן אין פארלויף פון די לעצטע צוויי יאהר. ער האט גערעדט צו די דעלעגאטען ווי א פאטער צו קינדער, און ער האט גערירט זייערע הערצער מיט זיינע וואר־מע ווערטער. מאמענטענווייז האט ער זיי געהאלטען אזוי שפאנענד, אז מען האט קיין שארך ניט געהערט אין דעם גאנצען גרויסען אודיטאריום. אזוי איז אויך געווען ווען הילקוויט האט גערעדט וועגען די וואונדען וואס די וועלט מלחמה האט געבראכט דער ארבייטער באוועגונג, און ווען ער האט דערמאנט אן די פאר־שידענע קעמפע פאר דער אינטערנעשא־נאל און זייער יעצטיגער באדייטונג.

„איין ארבייטער אליין איז א שוואכער קארליק — האט געגאסע הילקוויט גע־זאגט, — אבער ווען זיי פאראייניגען זיך אלע צוזאמען ווערען אלע דיזע שוואכע קארליקעס א מעכטיגער ריעז. ווען די־זער ריעז וועט ווערען א גרויסער, אינטער־נאציאנאלער ריעז, וועט דאן שלאגען די שטונדע פון דער באפרייאונג פון די אר־בייטער.

„איינינקייט דארף זיין ניט בלויז קערפערליך, נאר אויך אין דער נשמה. ווען די נשמות פון די ארבייטער וועלען פאראייניגט אזוי גוט ווי זייערע קערפערס, דאן וועלען זייערע קערפערס א גרויסע מאכט. איינינקייט דארף זיין דער הויפט ציעל פון אונז אלעמען".

א באגריסונג פון די קליוולענ־דער מענער־שניידער.

אין פארלויף פון דיזער זיצונג איז ערשינען א קאמיטע פון דער אמאלגא־מייטעד אין קליוולאנד, צו באגריסען די קאנווענשאן. איינער פון דער קאמיטע, בר. קריפין, א פראטוירנאל דעלעגאט צו דער סאציאליסטישער קאנווענשאן, האט דערציילט ווי אזוי ער האט אנגעשטעלט סטרייקערס אלס דעפּוטי שעריפס ווען ער איז געווען שעריף. ער האט די סטריי־קערס אנגעטאן בעדזשעס און זיי געהיי־סען היטען ארדנונג. ארדנונג איז טאקע געווען, אבער די באסעס האבען זיך געבי־סען די פינגער דערפאר וואס א סאציא־ליסט איז געווען שעריף.

קאנווענשאן טעלעגראפירט צו מיינער טרייעל אין וועסט ווירדזשיניא.

די זיצונג האט זיך געענדיגט מיט א פארשלאג פון ברודער שעהן פון לאקאל 1, צו שיקען א באגריסונגס טעלעגראמע צו די מיינערס, וואס ווערען יעצט געטריילט אין וועסט ווירדזשיניא. דער פארשלאג איז איינשטימיג אנגענומען געווארען.

קאנווענשאן ווייזט צוריק א דע־לעגאט פאר פארלידמערען.

די ווירקליכע ארבייט פון דער קאנווענשאן האט זיך אנגעפאנגען מיט דער צווייטער זיצונג, דינסטאג, ווען די קרעדענשעל קאמיטע האט אפגעגעבען איהר רעפארט.

דער טשערמאן פון דער קאמיטע, ברודער [illegible], פון לאקאל 10, האט אין זיין באריכט רעקאמענדירט, אז דער דעלעגאט פון לאקאל 1, מיט'ן נאמען סעם ראטמאן, זאל ניט ווערען צוגעלאזען צו דער קאנווענשאן, ווייל די אבדזשעקשאנס פון ה. פינ־קאווסקי, א מעמבער פון לאקאל 10, דער טשערמאן פון דעם קלאוקמאכער דזשאינט באארד אין ניו יארק.

די קלאגען געגען ראטמאן זיינען, דאס אויף א מיטינג פון לאקאל 1 האט ער פארדרייט די באשלוסע פון די אינטערנעשאנאל. אויף יענעם מיטינג האט ער געזאגט פון דער פלאט־פארם, דאס מיט דעם וואס די באסעס האבען אונטערגעשריבען דעם באוואוס־טען מעמאראנדום מיט דער אסאָ־סיאיישאן בעפאר דעם לעצטען סטרייק, האבען זיי „פארקויפט" די ארבייטער. ער האט דאן גלייך געקראגען זיין ענט־פער פון טשערמאן פינקאווסקי. פינ־קאווסקי האט אויך געבראכט קלאגען געגען איהם אין לאקאל 1 און דער לא־קאל האט איהם געפונען שולדיג, און האט איהם באשטראפט מיט דעם, וואס צוויי יאהר נאכאנאנד איז איהם ניט ער־לויבט געווארען צו באטייליגען זיך אין די לאקאל מיטינגס.

נאכדעם ווי די קרעדענשעל קאמיטע האט איינגעהערט אלע קלאגען געגען ראטמאן און האט געמאכט א גרינדליכע אונטערזוכונג אויסגעהערט ראט־מאנ'ען אליין און זיינע עדות, האט זי באשלאסען, אז ראטמאן דארף ניט זיין קיין דעלעגאט צו דער קאנווענשאן.

ראטמאן האט געקראגען דאס ווארט אויפ'ן פלאר פון דער קאנווענ־שאן. אין זיין פארטיידיגונג האט ער ערקלערט, אז ער האט ניט באשולדיגט די באאמטע אויף דעם אופן ווי מען האט אנגעגעבען. ער האט אנגעדייטעט אן די אורזאכען פאר דיזע האנד־לונג אין דעם, וואס מען האט גע־וואלט מאכען פון איהם א „סאבאטא־זש" דעלעגאט, וועלכער האט געקראגען די נעקסטע גרעסטע צאהל שטימען און וועלכער איז גראדע א באאמטער פון דער יוניאן.

אין דער דעבאטע וועגען ראטמאן האבען זיך באטייליגט איינינע דעלעגאטען, דאפיר און דאגעגען, און ווען מען האט גענומען די פראגע צו אן אפשטימונג, האבען 128 דעלעגאטען געשטימט פאר דער קרעדענשעל קאמיטעס רעקאמענדא־ציע, און 67 דאגעגען. ראטמאן האט דארום פארלוירען די קאנווענשאן.

אין פארלויף פון דער דעבאטע ווע־גען דעם צוריקגעוויזענעם דעלעגאט האט זיך ארויסגעוויזען, אז דער מעמ־ארענדום צוליב וועלכען ראטמאן האט עס אזוי באשימפט די פארשטעהער פון דער יוניאן איז גראדע געווען וועהר א גינסטיגער פאר דער ארגאניזאציע. אין גאנצען איז בלויז איין ארבייטער ענט־זאגט געווארען לויט די כללים פון דיזען מעמאראנדום. ווען פיינבערג האט אין פארלויף פון זיין רעדע באמערקט, אז דער „מעמאראנדום" איז געווען איינער פון די געלונגענסטע אפמאכען מיט דער אסא־סיאיישאן, זיינען זיינע ווערטער אויפ־גענומען געווארען מיט דונערנדען אפ־לאוז.

דער רעפארט פון דער קרעדענשעל קאמיטע וועט פארטגעזעצט ווערען מיט־וואך, בעת די שורות ווערען געשריבען.

די קאנווענשאן האט איינשטימיג באשלאסען, אז פרעזידענט שלעזינגער, סעקרעטער באראף און ערשטער וויס־פרעזידענט זיגמאן זאלען זיך מעגען באטייליגען אין אלע פראגען פון דער קאנווענשאן, אבוואהל זיי זיינען נים קיין אפיציעלע דעלעגאטען פון זייערע לאקאלס, און זיינען אויף דער קאנווענ־שאן געקומען אלס אינטערנעשאנאל בא־אמטע.

קאנווענשאן באגריסט פון „פיי־פעלס רעליף" און פון „אידגעזקאם".

אם ענדע פון דער סעשאן זיינען ערשינען געגאסען אלעקסאנדער קאהאן און מאיר גילים אלס פארטרע־טער פון דער פיפעלס רעליף, און מ. ראשקעס, פון דעם „אידגעזקאם". מען האט ביידע דעלעגאציעס אויפגענומען פריינדליך און ווארים. צווישען אנ־דערעס האט ראשקעס געזאגט, אז זינד ער איז געקומען אין בארירונג מיט דער אידישער ארבייטער באוועגונג אין אמעריקא קען ער זיך נים גענוג אפלוי־בען פון איהר. אלעקס קאהן און גילים האבען באגריסט די דעלעגאטען און אפע־לירט צו זיי, צו שטיצען דעם פעפּלס רע־ליף, אזוי ווי זיי האבען עס געטאן ביז איצט. אויך דערמאנט די [illegible] סומע געלד וואס די אינטערנע־שאנאל [illegible] געגעבען פאר'ן רעליף.

א פולער באריכט פון די אנדערע זיצונגען וועלען מיר געבען נעקסטע וואך.